וואָכנשריפט צייטונג

№ 35

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". • פרייז 20 גראָשן.

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 27 sierpnia 1937 | ליכט-צינדען 6.20 | פרייטאג פ' תבא כ"ה אלול תרצ"ז

דער ערב=ראש=השנה=נומער
ערשיינט פרייטאָג, דעם 3 ווזשעשען.

אַנאָנסען און וואונשען ווערן אָנגענומען ביז דאָנערשטאָג 6 א זייגער אָוונט.

מיטוואָך, ד. 1 ווזשעשען 9 אַ זייגער פריה וועט פאַרקומען די **ענטהילונג פון דער מצבה** און עס וועט געמאַכט ווערן אַ **הזכרה** פון אונזער הייס-געליבטער און קיינמאָל נישט-פערגעסענער מוטער, שווי-גערמוטער און שוועסטער

נ"ע **חיה שרה** פון דערהיים פרידמאַן

קאַמינסקא

אויף וועלכע עס לאַדנען איין קרובים און בעקאַנטע

קינדער און געשוויסטער.

אונזער שוועגערין **רוזשאַ** און ברודער **סאָלאָמאָן דזיאַלאָשינסקי** ווי אויך דער **פאַמיליע וועלגרין** צוליעב'ן טויט פון זייער מוטער,

נ"ע **רבקה**

דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

נ. דזיאַלאָשינסקי און פרוי

Drogiej naszej wychowawczyni p. NACI FRYDMANOWEJ z powodu śmierci Jej Matki

b. p. RYWKI WELGRYN

szczere współczucie wyraża

KOŁO BYŁYCH WYCHOWANKÓW
przy szkole im. Zofii Wajnsztokówny

P. **Iźkowi Welgrynowi** z powodu śmierci

MATKI

składa wyrazy współczucia

Mania

P. **Iźkowi Welgrynowi i Rodzinie** z powodu zgonu

Ich MATKI

składają wyrazy współczucia

U. Lipszycowie

צום טויט פון אונזער ווירט

נ"ע **יצחק מענדל לעוואָקאָוויטש**

דריקען מיר אויס דער איבערגעבליבענער פ א מ י ל י ע אונזער טיפסטען מיטגעפיהל

Fabryka wyrobów celluloidowych
B-cia Szmulewicz.

דער **פאַמיליע לעווקאָוויטש** צוליעב'ן טויט פון זייער מאַן און פאָטער

נ"ע **יצחק מענדל**

דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

יצחק קליינמאַן.

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון דער **פאַמיליע לעווקאָוויטש** צום טויט פון זייער אונפערגעסליכען מאַן און פאָטער

נ"ע **יצחק מענדל**

און דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

ב. האָפמאַן און פאַמיליע

מיר נעמען אנטייל אין צער פון דער **פאַמיליע לעווקאָוויטש** צוליעב'ן טויט פון זייער ליבען מאַן און פאָטער

נ"ע **יצחק מענדל**

און דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

„Widłoram"
B-cia Frydman i S-ka

צום טויט פון אונזער ווירט

נ"ע **יצחק מענדל לעוואָקאָוויטש**

דריקען מיר אויס דער איבערגעבליבענער פ א מ י ל י ע אונזער טיפסטען מיטגעפיהל

Wytwórnia galanterji metalowej
„KAGE" wł. K. GOLDBERG.

זונטאָג, ד. 29 אויגוסט (כ"ב אלול תרצ"ז) 11 אַ זייגער פאַרמיטאג וועט אויפ'ן היגען בית עולם פאַרקומען די **ענטהילונג** פון דער **מצבה** אויפ'ן קבר פון אונזער אונפערגעסליכען מאַן און פאָטער

ר' חיים הלוי גרינבוים ז"ל

אויף וועלכער מיר לאַדנען איין קרובים און בעקאַנטע

פרוי און קינדער.

אָבפאָהר מיט אויטאָבוסען פון אלטען מארק 27.

אין טיפען טרויער זענען מיר מודיע, אַז אין עלטער פון 59 יאהר איז פון אונז אַוועקגעריסען געוואָרען אונזער הייס-געליבטער

נ"ע

יצחק מנחם (מענדיל) לעווקאָוויטש

די לויה איז פאָרגעקומען זונטאָג ט"ו אלול תרצ"ז (דעם 22 אויגוסט 1937).

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אַ דאנק די אַלע, וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין דער לויה און אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער טייערען נפטר, די אין טיפען טרויער פערבליבענע

פרוי, זיהן, טאָכטער, שנירס און אייניקעל.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

przyjmuje zapisy na kursy — lekcje pojedyńczo codziennie od 10 rano do 9 wiecz.

אכטונג: יעדען שבת פראַקטישע רעקציע פאַר יודישער געזעלשאפט.

אָנהויב 8 אָוונט. — ערשטקלאַסיגע מוזיק.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2

צום פריהלינג-סעזאָן

מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג - דויערענדע שפיגעל-גלאַנץ ווי אויך **העמדער** צו רייניגען און צו פארבען אַלערארט קליידונג. גארדינען צו וואשען און צו שפאנען.

ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס

2) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).

אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט אַלץ צוביליגע פרייזען.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה!

די גבאים פון דער חברה

„סומך נופלים"

מאַכען בעקאַנט, דאס היי-יאהר ווערט געדאַווענט אין די ימים-נוראים

מיט די בעסטע בעלי=תפלות

אין זאַל פון „מכבי" קאַטעדראַלנאַ 13

בילעטען פאר פרויען און מענער שוין צו בעקומען ביי ה' א. שערער, גאַריבאַלדי 22 פון 2–7 נאכמ.

בעמערקונג: ערב ראש-השנה וועלען די בילעטען זיין צו בעקומען אין לאקאל פון „מכבי" פון 10 פריה.

CZĘSTOCHOWSKA

FABRYKA MYDŁA

I. M. DZIUBAS i S-ka

ul. Fabryczna 1—3.

עגזיסטירט העכער 60 יאָהר.

אונזער זייף איז אַלעמען בעוואוסט מיט

איהר גוטער קוואַליטעט.

פרובירט נאָר איין מאָל — בענוצט אונזער זייף

און איהר בלייבט אונזער שטענדיגער קונה.

אונזער מארקע איז דאס „פישעל".

עס ווערען געזוכט פערטרעטער אויף חיעלון און ראַדאָמסק.

Naszemu viceprzewodniczącemu

p. ABRAMOWI LEWKOWICZOWI i RODZINIE

z powodu zgonu Ojca Ich

b. p. ICKA MENDLA

składamy wyrazy współczucia

Kierownictwo Sekcji Ramiarsko-Lustrzanej
przy Stow. Przem. i Kupców.

Przewodniczący (—) S. Brzoski | Sekretarz (—) R. Nieznanowski

---

Z wielkim bólem opłakujemy zgon

b. p.

Icka Mendla Lewkowicza

Osieroconej Rodzinie wyrazy szczerego współczucia składają

Izydor Mic z Rodziną

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון דער **פאַמיליע לעווקאָוויטש** צוליב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען מאַן און פאָטער

נ"ע **יצחק מענדל**

בתוך שאר אבלי ציון ינוחמו ולא יוסיפו לדאבה עוד.

משה לייב האָבערפעלד און פאַמיליע

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דער **פאַמיליע לעווקאָוויטש** צום טויט פון זייער מאַן און פאָטער

נ"ע **יצחק מענדל**

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

א. מ. היימאַן, יעקב האָכערמאַן, משה קאַפלאַן

מיר בעוויינען דעם טויט פון דעם אונפערגעסליכען

יצחק מענדל לעווקאָוויטש ז"ל

און דריקען אויס דער איבערגעבליבענער פאַמיליע דעם אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל.

פירמע פראַנק און **שאַיאַ.**

דער **פאַמיליע לעווקאָוויטש** צום טויט פון זייער עהרווירדיגען מאַן און פאטער

נ"ע **יצחק מענדל**

דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

א. ריינהערץ

Koledze **Motkowi Lewkowiczowi** z powodu zgonu

OJCA Jego

wyrażają szczery żal i głębokie współczucie

Rusak, Brandes, Zylberszac,
Bracia Kałka.

Z powodu zgonu b. p.

ICKA MENDLA LEWKOWICZA

wyrazy szczerego współczucia Rodzinie składają

„BRAHO"
Wytwórnia części rowerowych
Braci A. i I. HOROWITZ

די יודישע עלטערן דאַרפען זיך פערטראַכטען.

מיר ווילען אויפמערקזאם מאכען אויף אַנ'ערשיינונג, וואס דאַרף פון די יודישע עלטערען, וועלכע האבען דערוואקסענע קינדער, גענומען ווערען אין בעטראכט.

עס האַנדעלט זיך נעמליך, וועגען דער צוקונפט פון זייערע קינדער.

די יודישע מאסען זענען היינט זעהר פעראָרימט און ווען זייערע קינדער ווערען דערוואקסען, איז אנשטאט צו שיקען זיי צו א פאך, גיט מען זיי בעסער אין א פאבריק אריין, וואו זיי קענען שוין פערדינען עטליכע זלאָטעס, בעת ביי א פאך מוז אוועקגעהן א פאָר יאהר, ביז מען זעהט דעם ערשטען גראָשען.

אזוי, למשל, איז לויט דער סטאַטיסטיק, וואס ווערט געפיהרט אין די דערגענצונגס שולען ביים האנדווערקער-פערבאַנד, נישט פערהאן קיין איין לערן-יונגעל ביים בעקער-פאַך, כאטש ביי א בעקער קריגט דאס יונגעל באלד צו עסען און צו שלאפען. דאס זעלבע איז אויך ביים בלעכער-פאַך. אויך ביי שוסטער איז זעלטען פערהאנען א יודיש לערן-יונגעל, און ביי די פאַכען: טישלער, שלאָסער, היטעל-מאַכער, זייגער-מאכער, מאלער זענען פערהאן יודישע לערן-יונגלעך אין א זעהר בעגרעניצטע צאהל. א געוויסע צאהל לערן-יונגלעך איז פערהאַן בלויז ביי: שניידער, שטעפער, טאַפּעצירער און קירזשנער. אין אלגעמיין אבער זענען פערהאנען זעהר ווייניג יודישע לערן-יונגלעך, וועלכע לערנען זיך א פאַך.

די סיבה האבען מיר שוין אויבען אנגעוויזען. די היינטיגע עלטערען, וועלכע זענען זעהר פעראָרימט, ווילען בעסער דאס קינד שיקען אין א פאבריק אריין איידער צו ווארטען ביז וואס-ווען.

מיר ווילען אבער אויפמערקזאם מאכען, אז לויט אונזער מיינונג ווערט דאָ בעגאנגען א פערברעכען געגען דער צוקונפט פון קינד, ווייל צוליעב דער חיי-שעה ברעכט מען אונטער די מעגליכקייט, אז דאס קינד זאל אמאל קענען ווערען זעלבסשטענדיג. ווארום מיר ווייסען, אז ביי די בעדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבען, קאן נאר האבען א עקזיסטענץ א גוט-אויסגעשולטער פאכמאן געגען וועלכען עס איז שווער צו קאָנקורירען, און אזעלכע דאַרפען זיי די יודישע יוגענדליכע, וועלכע וואקסען אויף אין אנדערע בעדינגונגען, ווי עס האבען געלעבט זייערע עלטערען און די אויפגאבע פון די עלטערען דאַרף טאקי זיין צו געבען די מעגליכקייטען די קינדער צו ווערען גוטע פאכמענער; ווען מען שיקט זיי אָבער צו דער ארבייט אין דער פאבריק, נעמט מען זיי די דאזיגע מעגליכקייט אוועק.

עס איז זיך לייכט צו זאגען יענעם מוסר—ווערען זיך א סך עלטערען טראַכטען, פאַקטיש אָבער זענען די פאַר נילדען, מאס אַזאַ קינד ברענגט אהיים פון דער פאַבריק די איינציגע אונטערשטיצונג פאר'ן גאַנצען הויז געזונד. עס איז אָבער פערפאַלען, ווי שווער עס זאָל נישט זיין דאס לעבען, מוז מען אָבער אין זינען האבען די צוקונפט פון די קינדער, וועלכע געהן ערשט אַרויס אין דער וועלט און ווען זיי וועלען נישט האבען קיין פאַך, וועט זיי זיין שווער, זעהר שווער צו לעבען אויף דער וועלט.

דאַן איז נאָך פערהאַנען א צווייטע א געזעלשאַפטליכע פראַגע. דעם האַנדעל רייסט מען אונז אַרויס, מען פערדרענגט אונז פון דער דאָזיגער פאָזיציע, און זאָל מען זאגען אָפען, אז דער דאָזיגער קאַמף געגען אונז קומט זיי לייכט אָן, ווייל צום האַנדלען דאַרף מען נישט פיעל קענען. דאַן בעקומען די דאָזיגע נייע סוחרים קרעדיטען און אנדערע אונטערשטיצונגען, דאַרף מען דעריבער האבען אַנ'אַרמעע פון גוטע, אויסגעשולטע בעלי-מלאכות, וועלכע עס וועט זיין שווער צו בעקעמפען.

דער דאָזיגער פראָבלעם, וועלכען מיר האבען דאָ בעריהרט, איז א צו-ערנסטער, אז מען זאָל איהם קענען אויסשעפען אין איין אַרטיקעל. א פאַקט איז אָבער און דאס ווילען מיר מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט בעטאָנען, אז די יודישע געזעלשאַפט, די יודישע עלטערן, דאַרפען זיך וועגען דעם ענין פערטראַכטען. אמת איז און מיר ווייסען דאס גאַנץ גוט, אז די עלטערען שיקען זייערע קינדער אין די פאַבריקען אריין, וואס דאַרף הייסען, אז זיי העלפען צו צו דער פרנסה דאס איז אַלזאָ נישט פאַר קיין נחת, נאָר פשוט צוליעב נויט. עס איז אָבער פערפאַלען, מען דאַרף אויך זאָרגען פאַר'ן מאָרגען, פאַר דער צוקונפט פון קומענדיגען דור. יעדענפאַלס, די עלטערען דאַרפען זיך וועגען דעם גוט פערטראַכטען!

ש.

Lekarz-Dentysta

Henryk Lejzerowicz

przeprowadził się

na ul. **Aleja 32 m. 3**

telef. 17-57.

דער מלוכה-פרעזידענט אדורכגעפאָהרען דורך טשענסטאָכאָוו.

דינסטאג 6.53 אין אָווענד איז דורך אונזער שטאָדט אדורכגעפאָהרען מיט א ספּעציעלען צוג דער מלוכה פרעזידענט, זיין פרוי און דער בעגלייטונג פון א רייהע אָנגעזעהענע פערזענליכקייטען. די הויכגעשטעלטע פערזאָנען האבען זיך צוריקגעקעהרט פון די פייערליכקייטען אין וויסלא.

דער צוג איז נאך א קורצען אָברוה אָבגעפאָהרען קיין פיעטרקאָוו, פון וואַנען די געסט וועלען מיט אויטאָס אָבפאָהרען קיין ספּאָלע.

אויפ'ן היגען באַהן-הויף זענען געווען פערזאַמעלט פאָרשטעהער פון דער שטאָדטישער און מיליטערישער מאַכט.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

בית-המדרש „אגודת ישראל", קאַטעדראַלנאַ 13

מאַכט בעקאַנט, דאס אויך היי-יאָהר ווערען פערקויפט

שטעדט פאַר פרויען אויף די קומענדע ימים נוראים.

אונזער בית-המדרש איז גוט בעקאַנט מיט זיינע ערשטקלאַסיגע בעלי-תפלות

און בריוחדיגען ליכטיגען לאָקאַל. עס ווערט דערביי אויפמערקזאַם געמאַכט, אז פלעצער

זענען פערהאַן אין א בעגרעניצטער צאָהל. דעריבער איז זעהר ראַטזאַם זיך צוצואיילען מיט'ן דינגען

בעמערקונג: די פלעצער ווערען פערקויפט יעדען טאָג פון 9—4 נאכמיטאג

אין לאָקאַל פון ביהמ"ד.

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט ווערט בעקאַנט געמאכט, אַז אָנהויבענדיג פון זונטאג כ"ב אלול וועלען פערדינגען ווערען טעגליך אין דער קהלה קאַנצעלאַריע, אַלעע 10, פון 4 נאכמ. ביז 7 פארנאכט **פלעצער פון דער שטאָדט-שוהל אויף די פאָרשטעהענדע ימים-נוראים.**

פערוואַלטונג פון דער **יוד. קהלה**

אין טשענסטאכאוו.

כל הקודם זוכה!

אין דער **שוהל „אהל יעקב"**

1-טע אַלעע 4

זענען דאָ צו פערדינגען פלעצער פאַר פרויען און מענער צו דאַוונען די ימים-נוראים און א גאַנץ יאָהר.

רעפלעקטאנטען קענען זיך ווענדען פון זונטאג, דעם 15-טען שערפיען אָן און ווייטער פון 4 ביז 5.30 נאכמיטאג אין אונזער שוהל.

די פערוואַלטונג.

לשמוע אל הרנה ואל התפילה.

דערמיט זענען מיר מודיע, אַז ווי אַלע יאהר, ווערען אויך היי יאהר פערקויפט

פלעצער פאַר פרויען צום דאַווענען

אין די ימים-נוראים די גאַנצע ימים-טובים און סליחות ווי אויך א גאנץ יאהר

אין לאקאל פון ביהמ"ד **ד„בית יעקב"** קאטעדראלנא 10

וואו עס וועלען דאַווענען בעריהמטע בעלי-תפילות.

די פרויען, וואס ווילען דערהאַלטען זייערע פאַריעהריגע פלעצער ווערען געבעטען זיך מקדים צו זיין, כדי זייערע פלעצער זאלען נישט פערקויפט ווערען.

פ. ס.: יעדען טאָג פון 4—10 אָווענד אַמטירט א מיטגליד פון ועד אין לאָקאַל פון ביהמ"ד וועלכער פערקויפט פלעצער, וואס זענען גילטיג א גאנץ יאהר.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

מיר מאכען בעקאנט, אז פון **פרייטאג**, דעם 27 ווזשעשען (כ' אלול) ווערען פערדינגען פלעצער פאַר מענער און פרויען צו דאַוונען די ימים-נוראים מיט גוטע חשוב'ע בעלי-תפלות

אין די בעקוועהמע זאַלען פון האַנדווערקער-פעראיין, 1 אַלעע 12 №

בילעטען זענען צו בעקומען אין האַנדווערקער-לאָקאַל, יעדען אָווענד פון 7 ביז 9. צוגענגליכע פרייזען.

חברת „תפארת בחורים".

לשמוע אל הרנה ואל התפילה.

די גבאים פון דער חברה **„ארץ הקדושה"** און חברה **„תהילים"**

מאכען בעקאַנט, אז דאס מנין איז איבערגעטראָגען געוואָרען אין א גרויסען

בעקוועמען לאָקאַל אויף **בערקא יאָסעלעוויטשא 15.**

אויף די היי יאהריגע ימים נוראים וועלען דאַווענען ערשקלאַסיגע בעלי-תפילות.

בילעטען פאַר **פרויען** און **מענער** שוין צו בעקומען ביי ה' **מיטעלמאַן, ווארשאווער 6.**

בעמערקונג: מיר ווענדען זיך צו אלע געוועזענע חברה-לייט פון „ארץ הקדושה" און חברה „תהילים" אונז אונטערשטיצען כדי מיר זאלען קאנען אויסהאלטען דעם נייעם פרעכטיגען לאָקאַל.

אויפ'ן היימישען קריגס-פראָנט

בילדלעך און איינדרוקען פון קליינהענדלער צוזאַמענפאָהר

איבערגערוקט דעם קריגס-פראָנט...

מען האט דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען ערקלערט קריג און אויפ'ן ערשטען פראָנט, אויף די פאָדערשטע פאָזיציע געפונען זיך די קליינהענדלער ובפרט די מארק שטעהער, וועלכע פאַלען איינער נאָכ'ן אַנדערען אין שלאַכט, כדי צו זיין נאָהנט אַט צו די בעפאַלענע און פערדרענגטע האט דער גענעראַל-שטאַב, דער צענטראַלער קליינהענדלער-פערבאַנד, איבערגערוקט אויף א קורצער צייט זיין זיץ-אָרט פון ווארשא אויף דער פראָווינץ, ד. ה. אז דער צענטראַלער קליינהענדלער פערבאַנד וועט זיצען אויף דער פּראָווינץ, וואו ער אָרדענט אין אַזעלכע ראַיאָן קאָנפערענצען און דאָרט וועלען אָבגעגעבען ווערען בעריכטען פון די קלענסטע מקומות. אַזוי-אַרום וועט דער גענעראַל שטאַב וויסען וועגען יעדער איינצעלהייט, וואס קומט פאָר אויפ'ן קריגס-פראָנט און ס'וועט איהם לייכטער זיין אָנצונעמען די געגען-מיטלען. דערפאַר רופט מען אָן אַט די דאָזיגע וואָיעוואָדישע-צוזאַמענפאָהרען פון די קליינהענדלער אָרגאַניזאַציע מיט'ן נאָמען: איבערגערוקט דעם קריגס פראַנט...

טרויעריגע קריגס-בעריכטען

קיינער וואָלט נישט געגלויבט, אז אַט די יודען פון קלאָבוצק, טרוסקאַלאָס און אַנדערע מקומות וועלען אַזוי טרויעריג שילדערען זייערע צרות, אז זיי וועלען פערשטעהן דעם תוכן, דעם איינציגען זין פון דעם קאַמף, וואס מען פיהרט געגען זיי, געגען אַט די שוואַכע קיום מיט הויט און ביינער יודעלעך.

און נישט קוקענדיג דערויף, וואס די יודען פון די קליינע שטעדטלעך זענען פול מיט האָפנונג און בטחון: „אז עס וועט נאָך גוט זיין", „גאָט וועט זיך מ'חם זיין איבער'ן שארית הפליטה", איז דער לעצטער סך הכול געוועזען א פּאַסקודנער, עס זענען געווען זעהר טרויעריגע קריגס בעריכטען.

פלגש...

דערצעהלט אין דעלעגאַט פאָלגענדעס:

אין א שטאָדט פון פוילען האט א יוד בשום אופן נישט געקאַנט בעקומען קיין קאָנצעסיע אויף זיין נאָמען, האט ער גענומען און פערשריבען די קאָנצעסיע אויף זיין קריסטליכער דינסט, אַזוי אַז אנשטאָט זיין לייבליך ווייב, זאָל די דינסט זיין א שותפ'טע צום געשעפט אויסער זיין ווייב, האט אַלזאָ דער דאָזיגער סוחר נאָך בעקומען א קעפס ווייב, א פלגש...

אורבאַניסטיק...

א טעות האבען די יעניגע, וועלכע האַלטען, אז דער קאַמף געגען יודען בכלל און געגען די קליינהענדלער בפרט ווערט געפיהרט אָפען, אַזוי ווי צווישען צוויי קאָנקורענטען. ניין, רבותי, היינטיגע צייטען קאָן מען נישט בענוצען די זעלבע מעטאָדען, וואס אַמאָל אין מיטעלאַלטער; היינט אין די צייט פון ציוויליזאַציע און פּאָגראָמען, היינט מוז יעדעס קינד טראַגען א נאָמען, יעדע משפחה א פאַמיליע-נאָמען, און פונקט אַזוי ווי די מלחמה געגען אַביסיניע איז נישט געפיהרט געוואָרען חס ושלום מיט'ן צוועק צו צראָבערען נייע שטחים, נאָר עס האט געהייסען „קולטיווירען די ווילדע אַביסיניער און זיי מאַכען פאַר ציוויליזירטע מענשען", פונקט אַזוי ווי דער בירגער-קריג אין שפּאַניע ווערט געפיהרט נאָר, כדי נישט צו דערלאָזען, די רויטע באַנדיטען חרוב מאַכען די אַלטע שפּאַנישע קולטור", פונקט אַזוי ווי עס ווערט געפיהרט א הייליגער קריג פון יאַפּאַן געגען כינאַ מיט'ן צוועק: „א סוף צו מאַכען פון דער כינעזישער מיליטערישען גייסט", אַזוי ווערט אויך געפיהרט געגען אונז יודען א קאַמף נישט חס ושלום צו פערנעמען די פּאָזיציעס, וואס יודען האבען אין משך פון דורות געבויט און אָפטמאָל מיט'ן בלוט פון זייערע הערצער און מיט'ן בלוט פון זייערע קינדער, ניין, זאָל גאָט אָבהיטען, וואס איז דאס—צי לעבען מיר דען אין ווילדע צייטען, מיר זענען דאָך עפּעס אין אייראָפּאַ, נו, האט מען אויך די פערשידענע גזרות געגען אונז פערקליידט אין א מאַנטעל, אין א ליטעראַריש-וואָרט: אורבאַניסטיק, דאס הייסט, אז מען קאָן נישט איבערלאָזען די שטעדט און שטעדטלעך אין רויהען ווילדען צושטאַנד, ווי זיי זענען אַמאָל געווען, מען מוז זיי פערשענערען, מאַכען עסטעטיש, פיינער, איידעלער און אויב אַזוי וועט שוין זיין פערשטענדליך, פאַרוואָס מען האט דעם מאַרק אַראָבגעפיהרט קיין זאַוואַדזיע. נישט חס ושלום צוליעב אונמעגליך מאַכען, אז יודען זאָלען קענען זיך פאַרנעמען מיט מסחר, ניין, מען האט עס געטהון צוליעב דעם הויכען און שעהנעם וואָרט: אורבאַניסטיק, מעגען טאַקי מענשען (לייען: יודען) אויסגעהן פאַר הונגער, וואס האט דאס אָבער פאַר א בעדייטונג געגען אורבאַניסטיק.

דער מלאך המות איז שטענדיג גערעכט, ער געפונט שוין א תירוץ פאַר זיין מאָרד-טהאַט, אויך אין דעם פאַל איז געפונען געוואָרען דאס ריכטיגע וואָרט, וואס בערעכטיגט אַלע מאָרד-מכשירים: אורבאַניסטיק...

די היינטיגע שתדלנים

מען האט אויך א סך גערעדט וועגען די שתדלנים, וועלכע דאַרפען געהן אין מיניסטעריום אָבשרייען די גזירות און כמעט אַלע פּראָווינצער דעלעגאַטען האבען נאָכ'ן אָבגעבען זייערע קלאָגעדיגע איכה-בעריכטען פערענדיגט מיט א פערלאַנג, אז די צענטראַלע זאָל זיך בעמיהען, זאָל זיך משתדל זיין ביי דער מאַכט אָבצושאַפען די אָדער יענע גזירה.

זיי האבען אָבער א טעות, די נאַאיווע פּראָווינצער דעלעגאַטען, זיי מיינען, אז עס ווענדעט זיך נאָר, צי מען געהט זיך משתדל זיין און טאָמער געהט מען שוין יאָ, איז די זאַך ערלעדיגט. ניין, רבותי, די ראָל פון א היינטיגען שתדלן איז זעהר א ביטערע, ווארום, איהר פערשטעהט דאָך, ווי אַנגענעהם עס איז, ווען איהר רעדט צו אַ וואַנט, אָדער צו אַזעלכע, וועלכע האבען וואַטע אין די אויערען, וועלכע לאָזען נישט צו קיין שום קלאַנג אָדער ווידערקול.

די היינטיגע שתדלנים זענען אָדער גרויסע איבערמענשען אָדער—משוגעים, ווארום, וועלכער נאָרמאַלער מענש, וואס האט א פאַמיליע און וויל נאָך לעבען א פּאָר יאָהר, שטעלט איין זיין געזונד און לעבען אין סכנה און ווערט א שתדלן.

גלויבט מיר, איך קוק אויף אונזערע שתדלנים, וועלכע לויפען ביי יעדער געלעגענהייט אינטערווענירען און קאָן זיי נישט פערשטעהן. פון וואַנען נעמען זיך צו זיי אַזויפיעל נערווען, אַזויפיעל געדולד, אַט ביי די היינטיגע שתדלנים.

איבערשיכטונג...

די דעלעגאַטען, איבערהויפּט די פאָרשטעהער פון דער צענטראַלע זענען שאַרף אַרויסגעטרעטען געגען די לאָזונג פון איבערשיכטונג:

א געוויסער טייל פון דער יודישער געזעלשאַפט, איבערהויפט די טהוער פון די הילפס-אינסטיטוציעס, ווי „דזשאָינט" און אַנדערע כלל-טהוער האַלטען, אַז עס דאַרף פאָרקומען אַנ'איבערשיכטונג פון די יודישע מאַסען קליינהענדלער, פשוט גערעדט—איבערלאָזען דעם צובראָכענעם סטראַגאַן פאַר די נייע סוחרים און אַליין זיך נעמען צו פּראָדוקטיווער אַרבייט. די קליינהענדלער-פאָרשטעהער האַלטען אָבער, אז דאס איז נישט קיין געזונדטע ערשיינונג, מען דאַרף נישט אַנטלויפען פון שלאַכט-פעלד, והשנית, זענען די קליינהענדלער אויך א פּאָזיטיווער פּראָדוקטיווער עלעמענט. אַרויסגעהענדיג פון אַט דעם לעצטען שטאַנדפּונקט, בעקעמפען אונזערע קליינהענדלער-גדולים די לאָזונג פון אומשיכטונג...

דוד און גלית...

דער קאַמף געגען אונז איז נישט קיין גלייכער, עס קעמפט געגען דעם שוואַכען יודעלע א גרויסער ריעז. און ריכטיג האט בעמערקט דער שליח פון דער צענטראַלע דיר. בערלינער: עס קעמפען צווישען זיך דוד און גלית. און נישט קוקענדיג דערויף, וואס אַלע זענען איבערצייגט, אז גלית וועט איינשלינגען דעם קליינעם דוד, האט זיך אָבער אַרויסגעוויזען פונקט פערקעהרט—דער קליינער שוואַכער דוד האט גאָר בעזיעגט דעם קאָלאָס גלית'ן זאָל מען דעריבער אויך נישט פערלירען דעם מוט און האָפען, אז אויך דאס מאָל וועט דוד אַרויס דער זיגער, אַזוי ווי אין יענער מלחמה פון דוד און גלית...

סמאַל

יוסף שאַיאַ, ווילנע

הלנו הם, או לצרנו?

אָדער: ווער זענען זיי — די „יאָ" און „ניין" זאָגער?

די „יאָ-זאָגער", צו וועלכער ריכטונג און פּאַרטיי זיי זאָלען נישט געהערען, אידענטיפיצירען זיך כמעט אַלע, און אַלע האָבען מעהר-ווייניגער איין-און-דעמזעלבען מאָטיוו און אורזאַך, וואָס בעוועגט זיי פּאָזיטיוו זיך צו בעציהען צו דעם טיילונגס-פּלאַן, וואָס בעצוועקט די שאַפונג פון א יודישער מלוכה. מאַנכע גיבען זיך אָפּ א דין-וחשבון וועגען דעם קליינעם שטח, וואָס מען טיילט יודען צו. נישט איינזעהענדיג אָבער קיין בעסערען אויסוועג, ווי עווענטועל דערויף צו בעשטעהן. מאַנכע ווידער קלערען נישט קיין סך. זיי זענען אַזוי בעגייסטערט פון דעם וואָרט „יודישע מלוכה", אַז זיי האַלטען, אַז מען דאַרף נישט זאָגען יאָ, נאָר שרייען יאָ. יעדענפאַלס זענען קיין זייטיגע אַנדערע כוונות נישט פאַרהאַן.

דאַגעגען די „ניין-זאָגער" קען מען אַבצעהלען אַזש 4 ערליי, און יעדער פון זיי זאָגט „ניין" צוליעב אַנ'אַנדערען סעם און צוליעב אַנדערע כוונות.

די ערשטע קאַטעגאָריע ניין-זאָגער — דאָס זענען איבערגעגעבענע ציונים מיט לייב און זעעלע, וועלכע האַלטען אַז מיט דעם וואָס מען וועט אַבוואַרפען דעם צוטיילונגס-פּלאַן וועט מען נאָר געווינען. קיין שום קראַפט וועט נישט צוריקהאַלטען אונזער אריינדרינגען, און אונזער שטופענווייזע עראָבערען פון ארץ-ישראל, און מיר וועלען סוף-כל-סוף מוזען בעקומען, ווען נישט פון ביידע זייטען ירדן, איז ווענינגסטענס גאַנץ ארץ ישראל פון דער זייט ירדן.

די דאָזיגע ניין-זאָגער, ווען אפילו זיי זאָלען בלייבען אין דער מינדערהייט און דער צוטיילונגס-פּלאַן זאָל ווערען א פאַקט — וועט זייער געגענשטעלען זיך זיכער נישט ברענגען קיין שאָדען די שאַפונג פון א יודישע מלוכה, נאָר גרויס נוצען. דאָס קען נאָר האָבען א ביסעל אָבגעקיהלט דאָס התפעלות פון די יאָ זאָגער, זיי זאָלען נישט כאַפּען ווי א ווילדע מציאה. זיי זאָלען וויסען, אַז זיי מאַכען נישט אַזאַ גליקליך געשעפט, און זאָלען זיך וואָס שטאַרקער אויסדינגען פאַר בעסערע און גינסטיגערע גרעניצען.

די דאָזיגע מאַקסימאַליסטען זענען א ברכה און זייער געגענשטעלען זיך די יודישע מלוכה אין דער אַנגעביטענער פאָרם, איז א סתירה וואָס הייסט בנין.

מיר טרעפען אָבער אָן אויף נאָך אַנדערע דריי קאַטעגאָריעס פון ניין-זאָגער, אָבער די האָבען גאָר אַנ'אַנדערען אונטערשלאַק און גאָר אַנדערע כוונות, און זענען אויסען אונטערצוגראָבען און צו צושטערען דעם מלוכה-פּלאַן, אַז עס זאָל קיינמאָל נישט אויפשטעהן קיין יודישער זעלבסטשטענדיגער שטאַאט.

די ערשטע וואָס האָבען זיך געלאָזט הערען מיט זייער געגנערשאַפט צום מלוכה-פּלאַן, דאָס זענען די „יאהודים", די „שונאים" און „אריסטאָקראַטען" אונזערע. אויף וויפיעל די אראַבער האָבען צום וויפילסטען מאָל ארויסגעוויזען זייער דם-שונא'דיגע געגנערשאַפט צום יודישען ישוב און אויפלעבונגס-געדאַנק, וועלכען זיי ווילען דערשטיקען אין בלוט און פייער — „ראַטען" אַלץ די דאָזיגע רודף-שלום'ניקעס ליבער זיך אוועקזעצען, מיט די דאָזיגע — שטעכעדיגע און שפּיציגע ווי פייערדיגע שפּיזען — אראַבער, ביי א רונדען טיש.

די דאָזיגע „בעלי-יושר" ראַטען אויך ליבערשט צו שאַפען א נייעם גלות-אראַביען, אַז יודען זאָלען זיך וואָס אמת, וואָס מעהר בעזעצען אין ארץ-ישראל, אפילו אין עבר הירדן, אָבער זיי זאָלען קיינמאָל חלילה נישט בילדען קיין מעהרהייט, און זאָלען זיין אונטערוואָרפען דעם האהי — דעם אראַבער.

די דאָזיגע „אפּוטרופסים" אונזערע, זיי האָבען, אמת, א יודיש הארץ, זיי זענען גאַנץ גוטע פילאַנטראָפען און זענען גרייט מיט זייער געלד און הויכע שטעלונג צו העלפען די אומגליקליכע ברידער אין אַלע גלות לענדער, אָבער זייער גייסט איז א פאַרקנעכטעטער און פאַרשקלאַפטער; זיי זענען די זעלבע מה יפית-יודעלעך, וואָס זייערע זיידעס זענען געווען, נאָר אין ווייסע הענדשקעס און שייפע גאַרסען... ווער וואָלט געווען צו אונזער רענעסאַנס און עמאַנציפּאַציע-בעוועגונג, ווען די פּעמיועליס, וואַרבורג'ס, מאַגנוסעס וכדומה זאָלען זיין די רועה ישראל און אונזערע מנהיגים...

אָט די דאָזיגע ניין זאָגער זענען שעדליך און געפעהרליך.

אויפ'ן קאָנגרעס האָט זיך געלאָזט הערען נאָך א „ניין" פון גאָר אַנ'אַנדערען לאַגער, פון דעם ארץ-ישראל'דיגען „השומר הצעיר", וועלכער איז דער ראַדיקאַלסטער פון ציוניסטישען לינקען פליגעל.

הפּז די דאָזיגע „העלדען", וועלכע האָבען איינגעריסען וועלטען, אַז פון שלום אַבמאַך צווישען בן-גריון מיט זשאַבאָטינסקי'ן זאָל חלילה נישט ווערען, — אָט די דאָזיגע זענען מיטאַמאָל געוואָרען אַזעלכע „פּאַטריאָטען", אַז זיי בעשטעהען נישט, פּונקט ווי די רעוויזיאָניסטען, אויף א קליינע מלוכה? עס איז אַלעמען געווען א גרויס חידוש.

נאָר אָט האָט זיך באַלד ארויסגעוויזען די אמת'ע מחשבה: זיי, די סאָציאַליסטישע „מתקני העולם", קענען נישט בעשטעהן אויף א מלוכה, אַז יודען זאָלען הערשען איבער אראַבער. זיי האַלטען פון א בי-נאַציאָנאַליסטען שטאַאט, כאָטש די אראַבער, וועלכע האָבען גאַנץ געגנוג זייערע אייגענע לענדער, ווילען דוקא בעהערשען און האַלטען אונטער זייער יאָך די יודען פון ארץ ישראל.

די דאָזיגע „וצדקתך-סאָציאַליסטען" אונזערע, מיט זייער איבערטריבענעם „יושר", וואָס מען זעהט עס נישט ביי קיין שום געזונד פאָלק, בכלל אין דער היינטיגער וועלט פון „כל דאלים גבר" — איז א קרענקליכע גלות'דיגע ערשיינונג.

זייער ניין-זאָגען איז אויך שעדליך און געפעהרליך.

יעצט הערט זיך ווידער א הייזעריגער, א פייער-שפּייענדיגער ניין און ניין פון גאָר אַנ'אַנדערע ריכטונג—פון א טייל פרימאַקעס אונזערע אויף דער כנסיה הגדולה אין מאַריענבאַד.

פאַרוואָס קאָכען זיי זיך אַזוי שטאַרק? איז זיי אויך דער אַנגעבאָטענער מלוכה-שטח צו קליין? ווילען זיי אויך דוקא א גרויס ארץ-ישראל אין אונזערע היסטאָרישע גרעניצען—דעריבער שרייען זיי פון מעהטאָג און הייליגען גרימצאָרן און וואָרפען, מיט נאַציאָנאַלען שטאָלץ, צוריק דאָס צוריקגעוואָרפענע ביינדעל?

אָה-ניין! נישט דאָס! אין די דאָזיגע גאַטס קאָזאַקען ברענט א טייוולאָניש פייער פון קנאה און אייפערזוכט צו דער פאַרהאַסטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, הלמאי די מאַנדאַטאָר מאַכט אונטערהאַנדלט נאָר מיט איהר, און זיי, דאָס אויבערשטע פון שטייסעל, דאָס „אמת'ע יודישע פאָלק" ווערט אינגאַנצען איגנאָרירט. א פאַנאַטיש-פאַרביסענער, א „סיטרא-אחרא"-דיגער איז זייער ניין זאָגען; א גיפטיגע נקמה פון „תמות נפשי עם פלשתים", מיר נישט—און דיר נישט. זאָל ליבער בלייבען אונטער'ן אראַבישען יאָך, נאָר נישט קיין יודישע מלוכה, נאָר נישט אונטער די מאַפּט פון די „פּושעים"...

זיי, די פינסטערע פאַנאַטיקער, וואָס נאָר זייער פאַרטרעגטע געגנערשאַפט און פאַרברעכערישע אונטערגראָבונג, האָבען מיר צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס אונזער פּאָזיציע איז אַזוי שוואַך, אַז ס'האַלט ביים צוטיילען אונז א פּחות מכוית,—האָבען נאָך די העזה צו זיין די רוכב בערבות, די דעה-זאָגער איבער ארץ-ישראל, פאַרמעסטענדיג אונטערצוגראָבען די אויטאָריטעט פון דער ציונ. אָרגאַניזאַציע—די יודישע מלוכה אונטערוועגס.

ליידער האָט דער יודישער אויפריכטינונגס-געדאַנק נישט נאָר אויסערליכע, נאָר א סך אינערליכע שונאים, די אַלע מינים עורבים וזרזירים, וואָס זענען בערייט צו דעם צוועק צוזאַמענצוקלאַפּען די קעפּ...

אָבער די אַלע צוזאַמענגענומען וועלען ווייניג וואָס בעצוועקען, ווייל דאָס פאָלק איז געגען זיי, ווייל דער געזונדער נאַציאָנאַלער אינסטינקט איז געגען זיי.

יאָ, געבענטשט זאָלען זיין די ניין-זאָגער, די אמת'ע, די ערליכע, די אויפריכטיגע, וואָס זענען אויסען די טובה פון יודישען לאַנד, די טובה פון יודישען פאָלק און פון דער יודישער מלוכה.

די יודען אין אונגאַרן

(איינדרוקען פון א רייזע)

א זונטאָג איז דאָס געווען. צום מיטאָג-טיש בין איך געווען געלאַדען צו מיינעם א פריינד, א יוד, א דייטש-אונגאַרישען זשורנאַליסט. ער וואוינט אויסער דער שטאָדט, אין איינעם פון די ניי אויפגעבויטע געגענדען פון בודאַפּעסט. זיין וואוינונג — א ווילע. דורך די פענסטער פון אונזער צימער האָבען מיר פאַר זיך געהאַט א שעהנע פריהלינגס פּאַנאָראַמע: גרין בעוואָקסענע בערג און פעלדער. אין צימער איז געווען א רוהיגע און געמיטליכע שטימונג. א שלום-בית-שטימונג. מיר זענען געזעסען און געשמועסט: די בעל-הבית'טע, מיין פריינד'ס פרוי, מיין פריינד און איך. די טעמע פון געשפּרעך איז—דאָס אונגאַרישע יודענטום.

די בעל-הבית'טע, ווי איך האָב געקענט פעסטשטעלען, האָט זעהר א קליינעם בעגריף פון יודישקייט, און פון יודענטום איז זי גאַנץ ווייט.

זי איז דערצויגען געוואָרען אין א יודיש-אונגאַרישער אַסימילירטער סביבה און דאָך פיהלט זי שטאַרק איהר יודישקייט. זי ערמאָגט דאָס, וואָס מען רופט אָן, א יודיש הארץ.

און אָט דערצעהלט זי:

איהרער א בעקאַנטער, אַנ'עלטערער יוד, האָט זיך געלאָזט שמדן אויף דער עלטער, גאָר נאָהענט פאַר'ן טויט. זי דערצעהלט דעם דאָזיגען פאַקט מיט פאַרדרוס, איך וואָלט אפילו געזאָגט: מיט פאַרביטערטקייט. סטייטש, זיך קענען שמד'ן אויף דער עלטער!

און בעהאַנדלענדיג דעם דאָזיגען פאַל, האָט זי צום סוף צוגעגעבען:

— איך פאַרשטעה אַזאַ האַנדלונג, ווען מען שמד'ט זיך אין דער יוגענד, ווען מען האָט נאָך צו פאַרזאָרגען קליינע קינדער...

און דאָס איז די מיינונג פון איינער פון די בעסערע טעכטער פון אונגאַרישען יודענטום. גאָר א סך יודישע טעכטער געפינען אפילו נישט פאַר נויטיג צו פאַראורטיילען אַזאַ פאַל פון שמד'ן זיך אויף די עלטערע יאָהרען. זיי „פאַרשטעהען" אַזאַ האַנדלונג ביי יעדען עלטער, ביי אַלע לעבענס-צייטען, צי מען האָט, צי מען האָט נישט קליינע קינדער צו פאַרזאָרגען.

זעהר פּאָפּולער איז דאָ געווען די לאָזונג פון שמד'ן זיך, פון ענטלויפען פון יודענטום, גלייך נאָך דער מפּלה פון דער קאָמוניסטישער איבערקעהרעניש, נאָך בעלאַ קון'ס מפּלה. דאַן איז אויסגעוואַקסען די שמד בעוועגונג צו אַנ'אמת'ער מגפה. זיידעס מיט אייניקלעך האָבען זיך צוזאַמען געלאָזט פיהרען צום אַלטאַר פון דער אמונה, וועלכע האָט זיי פאַרזיכערט א זיכערען מאָרגען. גאַנצע יודישע פאַמיליעס האָבען זיך געלאָזט אויסשמד'ן, די סמעטענע פון אונגאַרישען יודענטום, די רייכסטע און אינטעליגענטסטע פאַמיליעס — אַלע זענען זיי ענטלאָפען צום לאַגער פון די שטאַרקע, ענטלאָפען פון דעם „פאָלקס צאָרן". זיי האָבען נישט געוואָלט טראָגען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר זייער „גלויבענס-גענאָסע" בעלאַ קון.

און אָט האָט איהר א פּאָר ציפערען פון דער דאָזיגער ערשיינונג:

פון יאָהר 1919 ביז'ן יאָהר 1924 האָבען זיך אין אונגאַרן אויסגעשמד'ט 12288 יודען. פון זיי 6200 מענער און איבער 5800 פרויען. אין בודאַפּעשט אַליין האָבען זיך אין פאַרלויף פון 10 יאָהר אויסגעשמד'ט קרוב 7 טויזענד יודען.

און מיינט נישט, אַז איצט שמד'ט מען זיך שוין נישט. היטלער'ס לעקציע איז אהער נישט דערגאַנגען. פאַר דעם לעצטען יאָהר אַליין זענען דאָ פאַרצייכענט געוואָרען 1200 אַזעלכע פאַלען. מען טהוט דאָס, אַפילו ווען מען האָט נישט גלייך פון דעם קיין נוצען. מען לעבט מיט דער צוקונפט — און אין דער צוקונפט — מיינען זיי — וועט דאָס צינוץ קומען.

אַנ'אייגענאַרטיגען יודישען קיבוץ פאַרמאָגט אונגאַרן, איהר האָט דאָ אַלע סאָרטען יודען, אַזוי ווי אין דער גאַנצער וועלט: איהר האָט דאָ אָרטאָדאָקסען, סתם יודען, אַסימילאַטאָרען, און איהר האָט דאָ אויך — ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט — א גרויסע צאָהל משומדים. דאַכט זיך, ווי אין דער גאַנצער וועלט. אָבער ניין, זיי זענען נישט די זעלביגע ווי אומעטום.

נעמט די יודיש-אונגאַרישע אַסימילאַטאָרען: אויסערליך — אַסימילירט ביז גאָר. אַסימילאַטאָרען ווי אין דער גאַנצער וועלט. זיי האָבען שוין לאַנג איבערגעריסען די פעדים, וואָס פאַראייניגען זיי מיט'ן יודישען כלל. זייערע „שטאַמס-גענאָסען" געפינען זיך נאָר אין די גרעניצען פון אונגאַרן. זייער מוטער-שפּראַך איז אונגאַריש, זייער קולטור — די אונגאַרישע. זיי האָבען קיין אהנונג נישט פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער יודישער וועלט. די אַלגעמיין-יודישע ליידען זענען נישט זייערע ליידען. אָבער שטעהענדיג שוין מיט איין פוס אין דער קירכע, ביים אַלטאַר צו שמד'ן זיך, רייסען זיי זיך דערוויילע ארום וועגען אַנ'אויסדרוק אין דעם רעפאָרמירטען סידור, צי דאַרף דאָרט אַזוי שטעהן אָדער אַנדערש, אָדער זיי רייסען זיך ארום וועגען דעם ווי אַזוי צו פאַרשענערען דעם „גאָטעס-דינסט", דעם טעמפּעל.

אַזאַ „פרומקייט" ווי אין דעם אַסימילאַטאָרישען טעמפּעל האָב איך אַנדערשוואו נישט געפונען.

א פרייטאָג צו נאַכט בין איך אין בודאַפּעשט ארומגעגאַנגען איבער אייניגע אַסימילאַטאָרישע אָדער — ווי זיי הייסען דאָ — „נעאָלאָגישע" טעמפּלען. אומעטום איז געווען פול. אפילו די ווייבערישע אָבטיילונג פון דעם אַסימילאַטאָרישען טעמפּעל איז געווען פול געפּאַקט מיט יונגע עלעגאַנטע דאַמען, וועלכע זענען געקומען צום „גאָטעס-דינסט" — און ס'איז געווען א געוועני-

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

מסתמא ווייסט ער דאָך, וואָס ער טהוט...

א געוויסער ה' ליבערמאַן איז נעבעך „געשטראָפט" געוואָרען מיט א גרויס פאַרמעגען, צווישען וועלכע ס'געפונען זיך אויך עטליכע גרויסע הייזער וואָס זענען צוואָרפען איבער פאַרשידענע שטעדט אין פוילען. אויך אונזער טשענסטאָכאָוו איז געבענטשט מיט א גרויס הויז אַלע 43, וועמענס איינענטימער עס איז דער אויבענדערמאַנטער ה' ליבערמאַן.

דער ה' ל. האַלט אָבער, אַז כל-זמן מען לעבט, מוז מען האַלטען אין איין בויען. אין דער אמת'ן איז עס נישט קיין עולה—א לעבעדיגער מענש מוז שאַפען, און דעריבער האָט טאַקי דער ה' ל. בעשלאָסען נאָך אויפצובויען א נייע געביידע. אייגענטליך האָבען מיר גאָרנישט דאַגעגען, אדרבה, זאָלען יודען בויען, זאָלען מיר ווייזען, אַז נישט קוקענדיג אויף דער העצע, וואָס מען פיהרט לעצטענס געגען אונז, שאַפען מיר דאָך און בערייכערען די שטעדט פון פוילען. דאָס וואָס פאַרדריסט יאָ אייך ה' ליבערמאַן איז, וואָס ער האָט איינגאַנצען פאַרגעסען, אַז עס זענען דאָ אין טשענסטאָכאָוו יודישע בעלי מלאכות, וועלכע דאַרפען אויך לעבען פון זייער אַרבייט.

צו אונז אין רעדאַקציע האָבען זיך געוואַנדען פאַרשטעהער פון די יודישע צעכען און זיך בעקלאָגט אויפ'ן ה' ליבערמאַן, באשר ער האָט איגנאָרירט די יודישע אַרבייט ביים בויען זיין ניי גרויס הויז, און דערביי האָבען זיי אונז ערקלערט אַזוי: עס איז דאָך אויסגעשלאָסען, אַז א יודישער בעל מלאכה זאָל אין דער היינטיגער צייט בעקומען אַרבייט אין א קריסטליכער אונטערנעהמונג, זענען דאָך די יודישע בעלי מלאכות נאָר אַנגעוויזען אויף יודישע אונטערנעהמונגען, און אויב די יודישע בעלי-בתים וועלען אויך בויקאָטירען די יודישע אַרבייט, קומט דאָך אויס, אַז די יודישע האַנדווערקער זאָלען שטאַרבען פון הונגער.

— וואָלט כאָטש דער ה' ליבערמאַן — זאָגט א צווייטער בעל מלאכה—זיך בעמיהט געוואויר צו ווערען, וויפיעל די אַרבייט דאַרף קאָסטען ביי א יודישען האַנדווערקער, אָבער אפילו דאָס איז איהם איינגאַנצען נישט איינגעפאַלען און דאָס איז טאַקי פאַרדריסליך, וואָס א יוד זאָל אין דער היינטיגער צייט נישט טראַכטען, זאָל נישט האָבען קיין פאַרשטענדניס פאַר די נויטען פון די יודישע פאָלקס-מאַסען, וועלכע ווערען פאַרדרענגט, וועלכע מען וויל עוקר מן השורש זיין. אַזאַ יוד ווי עס איז ה' ליבערמאַן און די אַלע אַנדערע, ווי זיי הייסען דאָרט, בעגעהען דעריבער א פאַרברעכען געגען כלל ישראל.

— ניין שרייט אויס אַנ'אַנדערער האַנדווערקער, — מיט אונזערע יודען איז נישט צו מאַכען. זיי זענען טויב צו די הילפס-געשרייען פון זייערע ברידער, זיי טראַכטען נאָר וועגען זיך, וועגען זייערע אייגענע קעשענעס און דאָס, וואָס טהוט זיך ארום זיי, זעהען זיי נישט און ווילען נישט זעהן. און קומט צו אַזאַ ה' ליבערמאַן אָדער צו אַנ'אַנדערען, וועלכער טהוט דאָס זעלבע, וועלען זיי אייך אָנקוקען ווי ווילדע ברואים, וואָס הייסט דאָס—איהר קומט אַזאַ איינעם, וועלכער האָט א גרויס פאַרמעגען, אויפמערקזאַם מאַכען, אַז ער טהוט שלא כהוגן, דאָס איז פּשוט א חוצפּה פון אייך, אַזאַ איינער, וואָס ער טהוט, איז ריכטיג, ווייל מסתמא ווייסט ער דאָך, וואָס ער טהוט...

זאָל עס זיין א מוסר-השכל!

א סך מאָל האָט מען שוין אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז קויהלען איז אַמבעסטען צו קויפען אין די קויהלען-סקלאַדעס, ווייל אמת עס קאָסט טאַקי אַנ'ערך 20 גראָשען טייערער אויף די קאָרץ, דערפאַר אָבער איז מען זיכער מיט א גוטער וואָג, וואָס מען קאָן ביי די אומפאַהרענדע וועגעלעך נישט האָבען. פאַרקעהרט, מען מיינט, אַז מען כאַפּט א מציאה און פאַקטיש ווערט מען אָבגענאַרט.

אַז דאָס איז אַזוי, וועל איך ברענגען א פאַקט:

אויף פּילסודסקי 25 געפינט זיך א קויהלען-סקלאַד, טראָץ דעם האָט א יודישער איינוואוינער פון פּילסודסקי 23 געקויפט א האַלבע קאָרץ קויהלען ביי א דורכפאַהרענד וועגעלע, שטעהט אַזוי דער סקלאַדניק און קוקט צו, ווי אַזוי עס ווערען אָנגעוואויגען די קויהלען און בעמערקט, אַז דער וועגעלע-אינהאָבער מאַכט דאָרט ביי דער וואָג א קינקעל-מינקעל, פאַרדריסט עס דעם יודישען קויהלען-הענדלער און שרייבט אַריין א בריוועל צו דעם יודען אַזוי און אַזוי, ווייס, אַז מען האָט דיך אָבגענאַרט אויף דער וואָג. ווען דער יוד האָט דערהאַלטען דאָס בריוועל, האָט ער געמאַכט ביטערע פאַרוואורפען דעם משרת (די קויהלען האָט געקויפט די דינסט) און איהר געוויזען דאָס קוויטעל, דאָס משרת איז געוואָרען אויפגערעגט און איז ארויסגעלאָפען צום וועגעלע-אינהאָבער און איהם דערצעהלט וועגען דעם בריוועל, האָט דער לעצטער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דעם יודענס אַרבייט, איז ער אַריין צו איהם און געדראָהט, אַז ער וועט איהם הרג'ענען.

דערוויילע ווייזט זיך ארויס, אַז דערזעלבער פון וועגעלע קויהלען-סוחר הייסט וואַרטאַטש און ווי די יודען פון דער וואַרשאַווער גאַס דערצעהלען, האָט דער זעלבער געזאָלט אָנפיהרען מיט'ן אויסהאַקען די שויבען בעת די יוני-אונרוהען אין אונזער שטאָדט, און בעת דער קריסטליכער קויהלען סוחר האָט זיך געקריגט מיט'ן יודישען קויהלען-סקלאַדניק, האָט ער טאַקי געדראָהט, אַז ער וועט זיך שוין נישט בעגנוגענען מיט האַקען שויבען, נאָר ער וועט אַלע יודען אויס'הרג'ענען.

אָבער נישט דאָס בין איך אייך אויסען צו דערצעהלען. איך האָב נאָר געוואָלט ביי דער געלעגענהייט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל פעסטשטעלען, אַז

ליכער פרייטאג-צו-נאכט. דער אבער-קאנטאר האט אפילו נישט געזינגען.

אדער נעמט די אונגארישע משומדים.

אין אלע אנדערע לענדער, ווען א יוד שמד'ט זיך, רייסט ער איבער אלע זיינע בעציהונגען מיט זיינע פרי-הערדיגע „לעבענס-גענאסען". ער דער-ווייטערט זיך פון זיי, ער זוכט ווי אזוי איינצוקויפען זיך אין דער גויאי-שער סביבה, און ער ווערט „פויפסטלי-כער ווי דער פויפסט". דא איז עס אבער נישט אזוי. א משומד האלט דא ווייטער אונטער זיינע בעציהונגען מיט דער פריהערדיגער סביבה און הויפט-זעכליך ווערען איהם טייער טאקע משומדים, ער וועט אוועקגעבען די נשמה פאר אנ'אנדערן משומד... איז ער א סוחר אדער פאבריקאנט, וועט ער צו זיך אין די געשעפטען דוקא אריינעמען משומדים און נישט קיין אמת'ע קריסטען. ער וועט אפילו די משומדים צאהלען טייערער ווי אנדערע, אבער נאר צו זיין צווישען „איי-גענע"...

די אינערליכע צעריסענקייט און פונאנדערטיילונג ביים אונגארישען יו-דענטום האט זיך אנגעהויבען נאכדעם ווי די אונגארישע יודען האבען אין פוירינען יאהרהונדערט בעקומען גלייכ-בערעכטיגונג. די רעגירונג האט דאן גערופען א יודישען קאנגרעס מיט דער כוונה, אז יודען אליין זאלען ארדנען זייער אינערליך לעבען.

דער קאנגרעס איז פארגעקומען אין יאהר 1868. עס זענען דאן געקומען 120 דעלעגירטע. לאנג האט געדויערט דער קאנגרעס און אויף איהם זענען בעהאנדעלט געווארען די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון אונגארישען יו-דענטום.

דער גרעסטער טייל פון קאנגרעס איז בעשטאנען פון „פארטגעשריטענע" יודען און זיי, די „פארטגעשריטענע", האבען בעשלאסען אלס דאנקבארקייט פאר דער רעגירונג, וואס האט זיי גע-געבען גלייכבערעכטיגונג, אוועקצושענ-קען דער רעגירונג א ביסעל פון זייער יודישקייט...

אויף דעם דאזיגען קאנגרעס האט די מערהייט אנגענומען א בעשלוס צו רע-פארמירען דאס יודענטום, איינפיהרען נייע „גאטעסדינסטען", ארומשניידען דעם סידור, פערקירצען דעם טלית, מיט איין ווארט, א ביסעל „רעדוצירען" דאס יודישקייט... האט זיך דאן אנגע-הויבען א קאמף אין אונגארישען יו-דענטום.

די אמת'ע פרומע האבען געמאכט א גרויס געוואלד. זיי ווילען בלייבען יודען. אלס צייכען פון פראטעסט הא-בען די פרומע דעלעגאטען פערלאזען דעם קאנגרעס און האבען אנגעהויבען קעמפען געגען די אפיקורסים.

דער קאמף האט זיך צעפלאקערט און דאס אונגארישע יודענטום איז צעריסען געווארען אויף צוויי לאגע-רען, אויף ארטאדאקסען און רעפאר-מאטארען, וועלכע האבען בעקומען דעם נאמען „נעאלאגען". דער קאמף צווישען די ביידע גרופען האט זיך געפיהרט צעהנדליגער יאהרען און צום סוף איז ער שטיל געווארען, אבער די צעריסענקייט איז געבליבען.

און צוויי בעזונדערע וועלטען שטע-לען פאר מיט זיך די דאזיגע צוויי גרופען. זיי האבען אייגענע קהלות, ביידע אנערקענטע פון דער רעגירונג. זיי לעבען דא ווי צוויי בעזונדערע פעלקער. זעלטען ווען מ'איז זיך משדך צווישען זיך. מען איז פרעמד איינע צו די אנדערע. פערהאן אנ'ארטאדאק-סישער שוחט און א „נעאלאג-שער" שוחט, אפילו מצה באקט מען אין בעזונדערע בעקערייען. אפילו אייגע-נע קראנקען-הייזער פארמאגען זיי און אנ'ארטאדאקס וועט נישט ליגען נאך 120 יאהר לעבען א „נעאלאג"—מוזען זיי אויך האבען בעזונדערע בית-עולמ'ס.

פון דעם קאמף צווישען די „נעא-לאגען" און די ארטאדאקסען האט מיט דער צייט ארויסגעשפראצט נאך א דריטע יודישע גרופע, וואס טראגט דעם נאמען: „סטאטוס קוואנטע".

די ריכטונגען פון די ערשטע צוויי גרופען זענען בעקאנט: פרום, נישט פרום. די „סטאטוס קוואנטע"-יודען זענען נישט פליישיג און נישט מילכיג, נישט שטארק פרום און נישט קיין גרויסע אפיקורסים. די דאזיגע האל-טען שטארק—ווי זיי זאגען—פון „שלחן ערוך"—דאס וואס שטעהט מפורש אין שלחן ערוך, אז מ'טאר נישט טהון—דאס טהון זיי נישט, אבער דאס, וואס עס שטעהט נישט מפורש אין שלחן ערוך—דאס טהון זיי אלץ...

מ'דערצעהלט אנ'אנעקדאט וואס כא-ראקטעריזירט די „סטאטוס קוואנטע"-יודען:

א יוד איז אמאל געקומען יום כפור אוונד נאך „כל נדרי" פון שוהל אהיים און שטוב ביי זיך, האט ער געפונען זיינע צוויי זוהן, ווי זיי זע-נען געזעסען און געשפילט געשמאק אין קארטען. דער טאטע האט גע-מאכט א געוואלד: סטייטש, גוים, ווי שפילט מען עס יום כפור אין קארטען?

אויף דעם האבען איהם די זיהן געענטפערט:

— וואו שטעהט דען עס געשריבען אין „שלחן ערוך", אז מ'טאר נישט שפילען יום כפור אין קארטען? ...

אט אזוי האבען מיר דרייערליי מי-נים יודען אין אונגארן.

ח. ו—ל.

פארבעריי און כעמישע
וועשעריי
„BENETA"
ב. יאסעלעוויטשא 11
(געגענאיבער.דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)
קאלנערס ווערען געוואשען מיט דויער-האפטען שפיגעל-גלאנץ
ספעציאליטעט:
1) אויספרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פארבען לויט מוסטערן,
3) דעקאטירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
4) כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושן,

אין דער קינדער-מלוכה

אויף די האלב-און גאנץ-קאלאניעס פון „טאז"

4.

מען יאגט זיי ארויס פון גן-עדן...

דער שרייבער פון די שורות איז געווען אויף די האלב-קאלאניעס פון „טאז", בעת זיי האבען זיך אנגעהויבען, געזעהן דעם קינדער-מאטעריאל, זייערע אויסגעצעהרטע בלאסע פנימ'לעך בעמערקט דאס חילדקייט, דאס נישט-ערצויגענקייט פון די דאזיגע קינ-דער. דאן בין איך אויך געווען בעת דער שליסונג, און איך זאג אפען, אהן שום פראזע, אז איך האב די קינדער נישט דערקענט, שטעכעדיגע דערנער זענען פערוואנדעלט געווארען אין שמעקענדע רויזען, אויסגעבלאסטע, אויסגעצויגענע מלאך-המות פנימ'ער זע-נען רונדיג געווארען און די אויסגע-לאשענע אויגעלעך האבען בעקומען לעבען מיט אזוי פיעל חן, אז דאס הארץ האט זיך געפרייט און געגרויסט.

דערביי האט אבער א נאגענדע בענקשאפט געפייניגט און געמאנט, זא-גענדיג אזוי:

אמת, דער „טאז" האט מיט זיין איינארדנען די קאלאניעס ממש בע-וויזען וואונדער, ביז 1200 ארימע יו-דישע קינדערלעך פון אונזער פאוויאט האבען אין משך פון א גאנצען חודש פערברענגט אין קינדער-גן-עדן, גענע-סען פיינע זאטע מאכלים, זיך געשפילט און געטאנצט, צוגענומען אויף דער וואג, פערגעסען וועגען נויט עלענד און די אלע צרות, וואס די יודישע קינדער קומט אויס צו ליידען. זיי הא-בען זיך אויך אין משך פון דער צייט אויסגעלערנט צו זיין ריין, דיסציפלי-נירט, צו האבען דרך ארץ—וואס וועט אבער זיין מארגען, מארגען, ווען זיי וועלען שוין נישט קומען אויף דער קאלאניע, נאר צוריק פערברענגען אין זייערע קלאגעדיגע היימען, וואו זיי וועלען ווידער מוזען ווארטען א גאנ-צען טאג אויפ'ן ארימען שטיקעל ברויט (אויך דאס שטיקעל טרוקען ברויט איז ביי מאנכע קינדער א לוק-סוס), דאן וועלען זיי ווידער אריינ-פאלען אין שמוץ און ווילדקייט. צי וועט דען די קאלאניע, אין וועלכער זיי האבען פערבראכט, נישט גורם זיין, אז די קינדער זאלען נאך מעהר פיה-לען זייער עלענד און נויט, ווארום איידער זיי זענען געקומען אויף דער קאלאניע, האבען זיי נישט געוואוסט, אז ס'איז פערהאנען עפעס בעסערס אויף דער וועלט, זיי האבען געמיינט, אז אט אזוי מוז עס זיין. איצט אבער, ווען זיי האבען דערפיהלט דעם טעם פון דער קאלאניע אין אלע הינזיכטען, צי וועט זיי נישט אנקומען דאס זיין איצט אין דער היים נאך שווערער. ווי דאס איז געווען איידער זיי זענען אוועק אויף דער קאלאניע. איז דען אדם מיט חוה'ן נישט געווען טויזענד מאל ביטערער דאמאלס, ווען מען האט זיי ארויסגעטריבען פון גן-עדן, איידער זיי האבען נאך געוואוסט דעם טעם פון גן-עדן? ...

אט די דאזיגע מחשבות האבען גע-ריסען די נשמה, בעת מען האט זיך געדארפט מיט די קינדער געזעגענען. אויס יום טוב, אסרו חג, מען טהוט זיך אויס דעם יום טוב'דיגען לבוש און צוריק אריין אין גיהנם פון לעבען —די נשמה-יתירה פליהט אוועק און עס בלייבט דאס ביטערקייט פון אינ-דערוואכען. דאס זעלבע איז מיט די קינדער.

בעת מען האט מיר אויך געגעבען א ווארט זיך צו געזעגענען מיט די קינדער, האב איך פאקטיש נישט גע-האט קיין דרייסטקייט צו זיי צו רע-דען, ווארום, וואס זאגט מען זיי, ווי האט מען די העזה צו זאגען די קינ-דער עפעס א גוט ווארט, אינדערצייט, ווען מען יאגט זיי ארויס פון זייער גן-עדן צוריק אין גיהנם אריין. האט זיך די צונג געפלאנטערט און ענדליך ארויסגעשטאמעלט: קינדערלעך טיי-ערינקע, איהר האט פערבראכט גאנצע 4 וואכען אין גן-עדן. מארגען וועט איהר שוין דא אהער נישט קומען, איהר וועט ווייטער גאנצע עלף חדשים פערברענגען אין גיהנם. איהר זאלט אבער די זון, די פרייד, וועלכע איהר האט געזאמעלט אין משך פון די 4 וואכען, בעהאלטען טיעף אין אייערע קינדערשע נשמה'לעך און זאל דאס משפיע זיין אייך צו בעלויכטען אייער פינסטער לעבען. און אויב דאס לעבען, דער גורל וועט וועלען, אז מיר זאלען זיך אין א יאהר ארום ווידער בעגע-גענען, זאלען דאן זיין אנדערע גליק-ליכערע צייטען.

אזוי האבען גערעדט די אלע, וועל-כע האבען זיך מיט די קינדער געזע-געגט. די רעדנער האבען זיך געווער-גען מיט די טרערן אין האלז, ווייל זיי האבען געפיהלט, אז די דאזיגע רייד זענען נאר טרייסט-ווערטער פאר די אומגליקליכע קינדער, וועלכע מען יאגט ארויס פון זייער גן-עדן.

איצט וועלען מיר דערצעהלען וועגען די שליסונגס-פייערונגען, וועלכע זענען פארגעקומען לויט א ספעציעלען סדר, דערביי מוז מען אבער בעמער-קען, אז ס'איז אנ'עולה פון „טאז", וועלכער האט אויסגעקליבען צו שלי-סען די קאלאניעס פונקט אין אזעלכע טעג, וועלכע זענען דערצו נישט צו-געפאסט, דהיינו: דאנערשטאג און פרייטאג. די לייטונג פון „טאז" האט אבער איהר אויס-רעכנונג און מיר הא-בען דאס געמוזט מקבל באהבה זיין...

טרוסקאלאס.

ווי די טרוסקאלאסער יודען זאלען נישט זיין פערצווייפעלט צוליעב די לעצטע געשעהענישען, וועלכע האבען זיך אבגעשפילט אויף זייערע פלייצעס און פערמעגען, האבען זיי דאך דעם מוט נישט פערלוירען. א גרויסען דאנק דארף מען דאס צושרייבען זייער רב בלימאף, וועלכער איז א זעהר אינטע-ליגענטער, קלוגער מענש און פער-שטעהט, ווי אזוי אויפצוהאלטען דעם מוט ביי זיין עדה.

דאס האט זיך אויך ארויסגעוויזען ביי דער איינגעארדנעטער קאלאניע. זיי האבען מיט א געזעלשאפטליכען חוש בעהאנדעלט די קאלאניע און זיך צו איהר בעצויגען מיט א ריין קולטו-רעלען און געזעלשאפטליכען צוגאנג.

קיין טרוסקאלאס האט צוליעב פער-שידענע טעכנישע סיבות נישט געקאנט פאהרען קיין גרויסער עולם פון „טאז" און מען האט דעלעגירט א פארשטע-הער. ווי דער דאזיגער דעלעגאט גיט איבער, איז די שלוס-פייערונג אויסגע-פאלען אימפאזאנט. די קינדער פון די דריי מקומות: טרוסקאלאס, פושיסטאן און פאנקי האבען געמאכט א פייערלי-כע פארשטעלונג מיט א זעהר רייכען פראגראם, וואס איז בעשטאנען פון א סצענקע א. נ. „דער קעניג פון די בלומען", דאן כאר, דעקלאמאציעס, באלעט-טענץ א. א. וו. אויסגעצייכענט האבען זיך די קינדער: חנה'לע אייגער, רחל מאנטעל, מלכה'לע באמאן א. אנד. די קינדער בעקומען דאן פערשידענע מתנות און נאך די רעדעס און דאנק-זאגונגען מצד דעם קאמיטעט פאר דער לייטונג פון „טאז", דער לעהרערין פ. גליקסמאן און לייטער נחום סעגאל, וועלכע האבען אדורכגעפיהרט זייער עובדא בשלימות, ווערט די פייערונג געשלאסען.

קלאבוצק.

דעמזעלבען טאג איז פארגעקומען די שליסונג פון דער קלאבוצקער האלב-קאלאניע.

ווי מיר איז שוין אויסגעקומען צו דערצעהלען, האט קלאבוצק נישט גע-האט קיין מזל, די קינדער האבען נישט געהאט קיין בעקוועמליכקייטען און זיך געמוזט שטיקען אויף א קליין שטיקעל פלאץ. דאס האט במילא געווירקט, אז די קאלאניע זאל אין געוויסע הינזיכ-טען אונטערהינקען. טראץ דעם אבער האבען זיך די קלאבוצקער אין דער לעצטער מינוט מיט דער מיטהילף פון דארטיגען קהלה - פרעזעס ה' ברוך שפערלינג און די פריילינס קורלאנד, בעמיהט ארויסצובעקומען דאס מאקסי-מום.

אין קלאבוצק האבען די קינדער גע-מאכט א פארשטעלונג, געזינגען און דעקלאמירט. דאן האט מען זיי גע-טיילט מתנות. דער פרעזעס פון „טאז" ד"ר סטעפאן קאן האלט א געזעגנונגס-רעדע, ווינשט די קינדערלעך און דאנקט דער לייטערין גוטערמאן, ווי אויך דעם קלאבוצקער קאמיטעט פאר זייער מיטהילף. עס קומט נאך פאר א פאטאגראפישע אויפנאהמע און מיט „הידד"-אויסגעשרייען פון די קינדער פאר'ן „טאז" אין טשענסטאכאוו ווערט די פייערונג געשלאסען.

Na święta
Świece Majdego

א טעות האבען די יעניגע, וועלכע טראכטען, אז ביי די וועגעלעך קויה-לען כאפען זיי א מציאה. זאלען זיי איינמאל פאר אלע מאל וויסען, אז לא-די, וואס זיי זענען דערמיט מקפח פרנסה די סקלאדניקעס, וועלכע האנ-דלען מיט קויהלען, ווערען זיי נאך אבגענארט אויף דער וואג, אזוי אז אנשטאט זיך איינצובערענגען, ברענגען זיי זיך גאר אויס, זאל דער אויבענ-דערמאנטער פאקט זיין א מוסר-השכל...

מען ניכטערט זיך אויס

דער גיפט, וועלכען די ענדעקעס האבען פערשפרייט אין די קליינע שטעדטלעך, האט אריינגעדרינגען אין די פשוט'ע פאלקס-מאסען, אזוי אז די אלע, וועלכע האבען שטענדיג צו-זאמענגעלעבט מיט די יודען, האבען אנגעהויבען גאנץ אנדערש צו קוקען אויף זיי—פלוצים זענען זיי געווארען שונאים, איינציגווייז אבער הויבען זיי זיך אן אויסצוניכטערען און זעהן, אז מען האט זיי נאר פער'שיכור'ט.

איך וועל ברענגען 2 קליינע פאקטען פון אונזער בעקאנטען טרוסקאלאס:

דער אנטיסעמיטיזם אין טרוסקאלאס האט אויך דערגרייכט ביז צו דער גאספאדיניע פון ארטיגען גלח. ביי יע-דער געלעגענהייט האט זי געפרעדיגט [illegible] יודישער פערדארבענקייט אז"וו. מאכט זיך א מעשה, עס ברעכט אויס א פיי-ער און דאס דוקא אין א קריסטליכער געגענד, האבען זיך כמעט אלע יודען פון שטעדטיל געווארפען ראטעווען און א סך פון זיי האבען דאס געטהון מיט אמת'ער מסירות נפש. דאגעגען האט געטראפען, אז א סך נישט-יודען הא-בען ביי דער שרפה געוואלט רייך ווערען... דאס האט געמאכט אזא איינ-דרוק, אז די עלטערע פויערים און בתוכם אונזער גאספאדיניע האבען הויך ארויסגעזאגט זייער מיינונג, אז דאס וואס מען פרעדיגט, אז יודען זענען א נידריגע ראסע, אז זיי האבען נאר אין זינען געלד, אז זיי זענען שווינדלער, איז א העסליכער ליגענד, ווארום אט ביי דער שרפה, וואס האט געדארפט דער קריסטליכער בעפעל-קערונג, האבען יודען געראטעוועט, אינדערצייט ווען די נישט-יודען האבען גאר עפעס אנדערש אין זינען געהאט. באלד האבען זיי זיך אויך דערמאנט, אז ווען עס האבען געברענט יודישע הייזער, ווי אזוי די נישט-יודען האבען זיך דאן דערצו בעצויגען. קורץ, א דאנק דער שרפה האט זיך די בעצי-הונג פון די פויערים צו די טרוסקא-לאסער יודען געענדערט צום גוטען.

[illegible]

אין דעמזעלבען טרוסקאלאס איז יענע וואך שבת פארגעקומען „אנ'אד-פוסט", זענען זיך צונויפגעפאהרען איבער טויזענד גלויביגע פון די ארו-מיגע דערפער. די דאזיגע פייערליכע תפילה איז אבגעריכט געווארען אין א ספעציעלער קאפליצע און פער-שטענדליך, אז מען האט די קאפליצע אויסגעפוצט און זי דעקארירט מיט פערשידענע טישטיכער און פארהאנגען. צומארגענס, ווען די קירכען-דינער זע-נען געקומען אין דער קאפליצע, הא-בען זיי בעמערקט, אז עס פעהלען פערשידענע חפצים, איז דאך געווארען א טומעל. באלד האבען זיך געפונען אזעלכע, וועלכע האבען ארויסגעזאגט א השערה, אז ווער ווייסט צו דאס איז נישט קיין יודישע ארבייט. תיכף אבער האט זיך געפונען איינער, וועל-כער האט זיך דערמאנט, אז ער האט געזעהען א קריסטין, וועלכע האט ביי נאכט עפעס צו הייס געדאוונט. הקיצור, מען איז ארויס אויף די וועגען, דעריאגט די קריסטין און ביי איהר געפאקט דאס פעקיל זאכען.

און אויך דאס דאזיגע געשעהעניש האט גורם געווען, אז מען זאל אנ-הויבען זיך צו שעמען פאר די רכילות און געמיינהייטען, וואס מען האט [illegible] דערצעהלען טאקי די טרוסקאלאסער יודען, אז דאס צוזאמענלעבען פון די ארטיגע קריסטען מיט די יודען איז איצט בעסער ווי געווען, און די יודען ערלויבען זיך שוין לעצטענס צו געהן אין דארף אריין האנדלען.

ווען נישט די ספעציעלע העצער, וואלט דאך דאס לעבען געווען אין גאנץ פוילען אנדערש, אבער אפילו איצט הויבט מען זיך אן טיילווייז אויסצוניכטערען.

זיי זענען גרויס ביי זיך...

עס איז געווען א מנהג מקדמונים, אז די באלעבאסטעס האבען געקויפט גרינצייג ביי וועמען עס האט זיך גע-לאזט—ביי די מארק-שטעהער יודען אדער ביי די אגראדאדניקעס—קריסטען, קיינער האט נישט געהאט קיין טענה און עס איז אפילו קיינעם נישט איינ-געפאלען צו מאכען דערפון אנ'עסק. אין די איצטיגע בעדינגונגען אבער איז אפילו דאס קויפען גרינצייג אדער אויבסט געווארען א פראבלעם.

געווען אזא פאקט:

אין מארק איז פרייטאג געקומען מיט עפעל א קריסטליכער אגראדניק, זענען געקומען ווייבער און געפרעגט א פרייז. היות ווי ער האט זיך איינ-[illegible] 15 [illegible] א קילא, האט ער אזוי טאקי פערקויפט, זעהענדיג אבער, אז די יודישע פרויען קויפען גערן, האט דער גערטנער באלד געהויבען דעם פרייז אויף 25 גראשען א קילא, און ווען איין פרוי האט געוואגט אזוי איידעל צו פרעגען: מה זאת, פאר וואס האט ער ביז איצט פערקויפט צו 15 גראשען און מיטאמאל קאסט עס שוין טייערער, האט זיך דער אגראדניק שטארק צובייזערט אויף די יודישע פרויען, הלמאי זיי קומען צו איהם קויפען, ער וויל אז יודען זאלען איהם באיקאטירען וועט ער בעסער מאכען, און ער ווינשט זיך טאקי נישט, אז יודישע פרויען זאלען ביי איהם קויפען. אזוי אבער ווי זיי קויפען דאך, קאסט עס טאקי נאכאמאל אזוי פיעל און ווער עס וויל נישט זאל טאקי נישט קומען.

וואס די יודישע פרויען האבען גע-טהון? צי זיי האבען נאך דער דאזי-גער לעקציע געקויפט ביי די יודישע גרינהענדלער אדער זיי האבען באדיי געצאהלט טייערער נאר געקויפט ביים נישט יודישען אגראדניק—איז נישט וויכטיג... א פאקט איז אבער, אז זיי די נישט יודישע אגראדניקעס זענען גרויס ביי זיך...

לויתן

מרדכי קוטמאן

א טאג אויף דער „ליניע"...

(רעפארטאזש)

דער לעצטער צוג פאר שבת, וועלכער געהט אין דער ריכטונג פון אונזער היימישער דאטשע-פונקט – קיין בלאכאווניע – איז דאס מאל שוין שיטערלעך בעזעצט. נאך מיט צוויי וואכען צוריק זענען אלע וואגאנען פון דעם צוג געווען פול געפאקט מיט אלע מינים און טיפען: לאנג-געקליידעטע און קורץ-געקליידעטע, בעבערדעלטע און גלאט-ראזירטע, שייטעלדיגע ווייבלעך און „דאמען", פאניענקעס און פאצעטען, אלע צוזאמען זענען זיי געווען איין מאסע, געפאהרען צו איין פונקט, אבער יעדער בעזונדער איז פאר זיך געווען א וועלט – מיט אייגענע דאגות, אייגענע חשבונות, בעזונדערע האפנונגען און אייגענע קרעכצען, גארנישט עהנליך צום אנדערענס.

זיצען דאס מאל אין וואגאן דאטשניקעס, טאג-טעגליכע צופאהרערס צום ווייב און קינדער, רעדען זיך אביסעל אראב פון הארצען, אז גאט-צו-דאנקען נאך א וואך וואס מען זיך אזוי פייניגען און דאן צוריקפאהרען אין שטאדט אריין און אנהייבען צוריק פיהרען א לייטיש, באלעבאטיש לעבען.

– איך וועל אייך זאגען, ר' יוסל, ווען נישט דער שבת הקודש, וואלט נישט געלוינט צו לעבען אויף דער וועלט. א גאנצע וואך דק מען פייניגט זיך: ווינטער אין שטאדט מיט דאגות-פרנסה און זומער מיט'ן צופאהרען. דאס מיטאג איז קיין מיטאג נישט, אין דערהיים איז אלץ אבגעלאזען, אז ס'טראשעט, דערפאר אבער, אז עס דערנעהנטערט זיך דער שבת, ווארפט מען פון זיך אלץ אראב, מען איז אויסגעטהון פון וואכעדיגקייט, אפילו דאס צופאהרען קיין בלאכאווניע האט שוין אנ'אנדער טעם...

איידער ס'האבען נאך בעוויזען די אנדערע מיט'ן הערער אנצוהויבען קרעכצען וועגען די [illegible] דריקעניש, האט אונז דער צוג דערווייל אויסגעשפיגען אין בלאכאווניע וואו ס'האט יעדען אבגעווארט א היימישער און די סטאציע איז נאך [illegible] פול געווען מיט נייגעריגע, וועלכע קומען א קוק כאפען אויס געוואוינהייט און „טראדיציע". קיין גרעסערע ערנעניגען, קיין שטארקערע עמאציעס האבען זיי יעדענפאלס דארט נישט, ווי דאס אבווארטען ביי דער באהן.

אז מען קומט ארויס אויף דאטשע נאר אויף איין טאג, איז, ווילענדיג נישט ווילענדיג מוז מען געהן אין פענסיאנאט איין. מיט'ן פרייז קומט מען שנעל אזורך, פארט שוין אלול, סוף-סעזאן.

איך האב נאך נישט בעוויזען זיך רעכט אומצוקוקען, ווי פון דער ערד זענען אויפגעוואקסען צוויי פרויען-געשטאלטען, איינע א נידריגע, דיקע, קיילעכדיגע פיגור, וואס אויף דעם פליישיגען, באגיגען פנים זיצען צוויי קליינע אייגעלעך, וואס קוים מען זעהט זיי ארויס; און אז זי רעדט, דוכט זיך אויס, אז זי ווישפערט זיך, ווייל דאס קול איז א [illegible] – און די צווייטע איז אויך פון סאסנאוויץ געקומען פאראדירען א גאנצען טאג אין לאנגע, ברייטע קימאנא-הויזען און א בוך (אין וועלכען זי קוקט כמעט נישט אריין) אונטער ארעם.

די ערשטע זאגט מיר, אז כ'האב אויך שוין ניט געהאט וואו ארייצופאלען, נאר [illegible] אין דעם פענסיאנאט, וואו דא עסען איז נישט געשמאק און דער עיקר, מען גיט זעהר ווייניג פאר די פאר זלאטעס. ווען מען זאל דא אפילו זיין עטליכע חדשים קען מען – לויט איהר „פאכמענישער" מיינונג – קיין פאר קילא אויך נישט צונעמען. די צווייטע ווידער האט א טענה, אז די „טאוואזשיסטוואָ" אין דעם פענסיאנאט איז נישט קיין ענטשפרעכענדע, שטא מיט וועמען אנ'אינטעליגענטס שמועס צו טהון, מען קען זיך פשוט ערגערן...

נו, יא, – זאגט דער ערשטער געדאנק – ס'וואלט גאר קיין פענסיאנאט נישט געווען, ווען ס'זאלען זיך נישט געפונען קיין אומצופרידענע. אלעמענס בעזונדערע איינרעדענישען און ווייבערישע קאפריזן איז שווער נאכצוקומען.

אזוי איז עס איבעראל און אייביג געווען און אזוי וועט עס שוין אודאי ווייטער פערבלייבען.

ווען איך וויל נאך אָוונד-ברויט זיך אביסעל איבערשפאצירען, ראט מען מיר, אז איך זאל דאס נישט טהון, ווייל אויף דער נאכט איז דאס געפעהרליך. מען קען קריגען מיט א מעסער אין דער זייט. די לעצטע וואך האבען פערשידענע פערשוינען שוין געפרובט פראוואצירען שפאצירענדע אין מיטען טאג, אבער יודען טרעטען אב, רופען זיך גארנישט אב. – וואס הייסט? עפיס האט מען דאך געזאגט, אז אין בלאכאווניע איז רוהיג און די קריסטליכע באלעבאטים האבען דאס עפענטליך פערזיכערט.

– נו, יא, אבער יעצט שוין, צום סוף סעזאן, ווען זיי האבען שוין דאס ביסעל געלד פון די יודען צוגענומען, פערגעסען א סך אין די געגעבענע הבטחות, אין דער האפנונג, אז ביז איבער א יאהר וועלען די יודען ווידער פערגעסען און ס'וועט ווידער זיין כדבעי.

אבער וואס טויג מיר די גאנצע דאטשע, אז ס'קומט פארנאכט, מוז מען זיצען אין שטוב און מורא האבען דעם קאפ ארויסצושטעקען?

אויף דער פראגע האט שוין קיינער נישט געהאט קיין ענטפער. פערשטעהט זיך, אז מען זיצט אין שטוב איז נישטא וועמען צו פערטשעפען, איז במילא פערהעלטניסמעסיג רוהיג...

אז מען האט זיך צומארגענס, שבת, גאנץ פריה אויפגעכאפט און דערזעהען אזא שעהנע, ליטערע, ווארימע זון – בעגלייט מיט א פריהמארגען תפילה פון פויגעל-געזאנג – האט מען אין די זלידנע, נאגענדע מחשבות פערגעסען, פערטריבען זיי פון די קעמערלעך, און זיך גלייך געלאזט אין וואלד אריין איינזאפען מיט פולע ברוסטען דעם טוי, די שמעקענדע לופט, די גאנצע ארומיגקייט און זיך אביסעל פרעהען מיט גאטס וועלטיל.

לאנג אזוי פערבלייבען מיט זיך אליין איז נישט בעשערט געווען. באלד האבען זיך אנגעהויבען בעוויזען סילוועטקעס פון פרויען און מענער, וועלכע האבען מיט זיך מיטגעבראכט גאנצע פעק פון ערשטען דאטשע געברויך. ס'איז אזועק א סדרה פון „געשפרעכען" וועגען מילכיגס און פליישיגס, וואס מען האט נעכטען געגעסען, וואס מען וועט היינט עסען און וואס מען וועט מארגען עסען. מען נעמט ארויף אויפ'ן טיש, פארדאן, אויפ'ן גראז, א ביסעל שכנ'טעס, וועלכע מען הויבט אן ארומצוארבייטען, וואס זיי טהוען, ווי זיי פיהרען זיך אויף א. א. וו. – ביז ס'קומט דער זמן פון מיטאג עסען, ווען זיי הויבען אן איילינ אהיימצוגעהן.

אז דאס בילד זאל זיך כאטש אמאל ענדערען. אונמעגליך. טאג-איין, טאג-אויס דאס זעלבע, די אייגענע ווערטער, די זעלבע געשפרעכען, אלץ וועגען דעמזעלבען. און ס'זאל אזוי אויסקומען וואכען, חדשים, יאהרען צו זיין צוזאמען, וואלט מען דאס אלץ גאנץ גענוי געקענט הערען איבערחזר'ן דאס זעלבע, אזוי ווי עפיס דארט א געהיימער מעכאנישער זייגער וואלט אנגעדרייט געווארען צו דעם צוועק. ווי דאס לאנגווייליגט זיך נישט, ווי דאס ווערט נישט נמאס?

נאכ'ן מיטאג גיט זיך דאס יונגווארג זארגלאז א שיט אין וואלד אריין. דער עלטערער חסידישער עולם כאפט א דרימעל און דאס ביסעל „היי-לייף" שפילט ברידזש אויף דער ווערענדע פון דער אריסטאקראטישער ווילע. מען האט נאך רעכט נישט פערדייהט דעם „פאדוויעטשארעק", ווי ס'האבען זיך אנגעהויבען פערשפרייטען קלאנגען, אז כוליגאנעס האבען צושטאכען מיט א מעסער א יודישען יונגערמאן, בעת ער איז געגאנגען שפאצירען מיט זיין פרוי. די השערות האבען זיך ארויסגעוויזען פאר ריכטיג. דאטשניקעס האבען גלייך געכאפט די קינדער און יעדער איז אהיים צו זיך אין שטוב. מען האט אנגעהויבען געהן אין דער ריכטונג צו דער ווילע, וואו דער צושטאכענער איז געלעגען, געוואויר ווערען, וואס הערט זיך. דער יונגערמאן ליגט אויף א טיש און ד"ר גאלדמאן גיט איהם די ערשטע מעדיצינישע הילף. ס'ווייזט זיך ארויס, אז די וואונד איז א טיעפע.

צווישען די דאטשניקעס ווערט אנ'אונבעשרייבליכע פאניק. פרויען קוקען מיט צושראקענע אויגען און ברעכען די פינגער. אז דאס איז געשעהן אין מיטען העלען טאג אין בעלעבטסטען פונקט פון בלאכאווניע, הייסט דאס דאך, אז מען איז בכלל נישט זיכער. איינציגע, וועלכע האבען נישט קיין גרויסע ווירטשאפט, הויבען זיך גלייך אן פאקען, כדי אבצופאהרען מיט'ן נעכסטען צוג צוריק קיין טשענסטאכאוו. אנדערע זענען זיי מקנא, וואס זיי קענען שוין פאהרען. יעדענפאלס, האבען די איבריגע בעשלאסען לענגער נישט צו בלייבען, אין דער שטאדט איז מען פארט זיכערער...

שבת אויפדערנאכט. ס'ווארט א גענויג גרויסער יודישער עולם אהיימצופאהרען מיט'ן צוג, וואס געהט פון ניי-הערבי. ווען דער צוג קומט אן, איז גלייך ווי מען געהט נאר אריין אין די וואגאנען, עמפפאנגט אונז א חברה כוליגאנעס מיט'ן היטלער גרוס און הויבען אן הויך זינגען, פארדאן, ריטשען, דאס הארסט-וועסעל-ליד אין ווערטערליכער פוילישער איבערזעצונג.

– ארויס פון איין שרפה און אריין אין א צווייטער – זאגט א פרוי אין די מיטעלע יאהרען, אנ'אמעריקאנער בירגערין, וועלכע איז א ביסעל אהערגעקומען מיט בעזוך צו איהרע קרובים קיין טשענסטאכאוו. זי איז געווען שרעקליך אויפגערעגט, שוויס האט איהר גערינען פון שטערן. זי האט זיך געוואלט אויפשטעלען און זיי זאגען א פאר ווערטער, ווי דאס איז אין אזא ניו יארק, פון וואנען זי איז נאר-וואס געקומען און וואוהין זי וויל שוין צוריקפליהען. מען האט זי קוים געקאנט איינהאלטען דערפון. אז זי זאל נישט געהן זוכען היינטיגע צייטען קיין יושר.

– לאזען זי גיין, זיצען זי רוהיג – רופט זיך אב א יוד, וואס זיצט דערנעבען, און אז אין דער שטאדט האבען זיך אין אלע יודישע גאסען און פאר די געשעפטען בעוויזען שגצים מיט די א-בע-צע פאגראם-צייטונג און שרייען אויס אויפ'ן גארגעל פערשידענע פאגראם-לאזונגען, וואס איז בפירוש פערבאטען – נו, שטערט זיי עמיצער?

געגענאיבער זיצט א שוואנגערע פרוי, בלאס און דערשראקען. זי איז זעהר אנ'עמפפינדליכע, באלד נעמט זי זיך אזוי שטארק איבער, אז טרערען, אונשולדיגע טרערען הויבען זיך אן דיסקרעט קייקלען אראב אויף די באקען. די שווערסטע פוזישע ארבייט וואלט איך געטהון – זאגט זי – ווען איך וואלט געקענט אוועק, אוועק ווייט, זאל זיין וואו ס'איז...

ארימע יודישע קינדער! אין שרעק, אין פיין, ליידען, געוויין, טראגען אייך אויס יודישע מאמעס, איידער איהר ווערט נאך געבוירען, איידער איהר קוקט נאך אן די שעהנע וועלט, וואו ס'דרעהען זיך ארום אזוי פיעל חיות אין מענשליכען געשטאלט...

אין א קנאפע האלבע שעה זענען מיר שוין ווידער געווען אין טשענסטאכאוו.

TOWARZYSTWO ŻYDOWSKICH SZKÓŁ ŚREDNICH i POWSZECHNYCH
w Częstochowie, Dąbrowskiego 7. Tel. 11-58
zawiadamia, że wpisy do szkoły powszechnej, gimnazjum oraz liceum
przyjmuje codziennie kancelaria szkół.
Egzaminy rozpoczną się w środę 1 września o godz. 9 rano.

דער צוזאמענפאהר פון קליינ-הענדלער פון דער קעלצער וואיעוואודזטווע

זונטאג 11 א זייגער אינדערפריה איז אין זאל פון „מכבי" פארגעקומען דער צוזאמענפאהר פון קליינהענדלער און מארקשטעהער פון דער קעלצער וואיעוואודזטווע. צום צוזאמענפאהר זענען געקומען 46 דעלעגאטען, ווי פון סאסנאוויץ, בענדין, קעלץ, ראדאם, מישקאוו, סטזשעמיעשיץ, פושעדבארוש, קלאבוצק, טרוסקאלאס, קזשעפיץ, טשענסטאכאוו און אנד.

דעם צוזאמענפאהר האט געעפענט דער פרעזעס פון דער היגער קליינהענדלער ארגאניזאציע ה' א. עפשטיין און דאן ווערט אלס פארזיצער פון צוזאמענפאהר איינגעלאדען ה' גוטענשטיין פון בענדין.

דעם פארזיץ האט געפיהרט האנדעלס ראט גוטענשטיין (בענדין) און אין פרעזידיום זענען געזעסען די ה"ה: פעדערמאן (סאסנאוויעץ), מינץ–גורסקי (קעלץ), לאווניק רעכניץ (בענדין), פלאצקי (ראדאם), פרייערמויער (טשענסטאכאוו) און דירעקטאר מ. מאנעטא (טשענסטאכאוו) אלס פראטאקולאנט.

דאס ערשטע ווארט בעקומט דער פרעזעס פון צענטראלען קליינהענדלער-פערבאנד אדוו. זונדעלעוויטש פון ווארשע, וועלכער גיט איבער, אז די צענטראלע ארגאנען פון פערבאנד ווילענדיג אנטקעגענקומען מיט הילף דער יודישער קליינהענדלער-מאסע אין יעצטיגען שווערען מאמענט, האט בעשלאסען איינצואָרדנען אזעלכע ראיאן-צוזאמענפאהרען, כדי נעהנטער זיך צו בעקענען מיט די וועהטאגען און נויטען פון די יודישע קליינע סוחרים און ארויסראטעווען זיי פון די פיין און ליידען. די פיהרער פון פערבאנד האבען דעריבער דעם צוזאמענפאהר פון אונזער וואיעוואודזטווע איינגעאָרדענט נישט אין קעלץ, נאר אין טשענסטאכאוו, ווייל דא ארום אונזער שטאדט ווערט אויף אנ'אונגעהייערן אופן בעקעמפט דער יודישער האנדעל. ווייטער רעדט פרעזעס זונדעלעוויטש ארום די שווערע סיטואציע פון יודישען דעטייל און קליינהאנדעל, זאגט, אז דעם יודישען סוחר ווערען נישט געגעבען קיין קרעדיטען, אין דער זעלבער צייט, וואס די ניי-אויפגעקומענע פוילישע סוחרים גיט מען די גרעסטע קרעדיטען א.ז.וו. דער רעדנער האלט אבער, אז מען טאר די האפנונג נישט פערלירען, אז נאהנט איז דער טאג, ווען ס'וועט ענטשטעהן דאס נייע דעמאקראטישע פוילען, וואס וועט נישט מאכען קיין אונטערשיעד צווישען איין בירגער און צווייטען נאר דערפאר, וואס דער אדער יענער געהער צו אנ'אנדערער רעליגיע.

עס רעפערירט דאן דער דירעקטאר פון דער צענטראלע ה' בערלינער, וועלכער רעדט ארום די פערשידענע אינדוסטריע-געזעצען, וואס זענען א טויט-אורטייל פאר'ן יודישען האנדעל, ער בעריהרט אויך דעם ענין מיט'ן איבערטראגען די מערק אויף אונטערשטעדטישע פלעצער, וואס ווערט אבגעטהון בלומר'שט אונטער'ן נאמען פון קלינגענדיגען ווארט „אורבאניסטיק", פון פערשענערן די שטעדט, און דערווייל ווערען גאר אזוי-ארום בעגראבען הונדערטער עקזיסטענצען פון יודישע מארקשטעהער. דער רעדנער שילדערט די טרויעריגע לאגע פון יודישען קליינהענדלער, וועלכער זיצט א גאנצען טאג ביי זיין געוועלב ווי ביי אנ'אפענעם קבר, ווייל קיין קונה לאזען די פיקעטניקעס צו איהם נישט אריין און דער יודישער סוחר פינסטערט אזוי אב אהן א גראשען לייזונג. דיר. בערלינער רעכענט אויס א רייהע האנדעלס-צווייגען, וואס ברעכען זיך איין פאר יודען צוליעב די פערשידענע נייע געזעצען, ווי יאטקעס, מילכערייען, דאן געהט אויך אריין בקרוב אין לעבען דאס נייע געזעץ וועגען האנדעל מיט טאבאק-אויסארבייטונגען א. ד. גל. ליידער אבער – זאגט ווייטער דער רעדנער – האבען די יודישע הורטאוויקעס נישט קיין פערשטענדניש פאר'ן יודישען קליינהענדלער און אין דער צייט, וואס דער יודישער הורט-סוחר גיט גרויסע קרעדיטען די ניי-אויפגעשטאנענע פוילישע סוחרים, נעהמען זיי גלייכצייטיג אוועק די קרעדיטען ביים יודישען קליינהענדלער.

אבער – שרייט אויס דיר. בערלינער – מיר טארען דעם מוט נישט פערלירען, ווייל מיר זענען אין דאזיגען ווירטשאפטליכען קאמף געגליכען צו גלית מיט דוד'ן און סוף-כל-סוף וועט זיעגען דוד, ווייל אונזער איז די גערעכטיגקייט.

ביידע רעפעראטען פון די צענטראלע-פארשטעהער האבען געמאכט א גרויסען רושם אויף די פערזאמעלטע.

ווייטער זענען אבגעגעבען געווארען בעריכטען וועגען מצב פון די יודישע קליינהענדלער און מארקשטעהער אין די בעזונדערע שטעדט און שטעדטלעך פון דער קעלצער וואיעוואודזטווע. אין שווערע פארבען האבען די דעלעגאטען געשילדערט די לאגע פון יודישען האנדעל, וועלכען ס'קומט אויס אויף שריט און טריט צו קעמפען מיט די מכשולים און שטערונגען מצד די פערשידענע טעראר-העלדען, אזוי אז איינציגווייז ווערען ארויסגעשטויסען פון דער אויבערפלאך די יודישע סוחרים און אויף זייער ארט וואקסען אויס נייע „אוושעם"-סוחרים.

דאן האלטען זייערע שלוס-רעדעס די ה"ה: פרעזעס א. עפשטיין און דיר. בערלינער, וועלכע רופען די יודישע קליינהענדלער-מאסען צו אויסדויער, צו איינינקייט און ארגאניזאציע.

ווייטער ווערען אנגענומען געהעריגע רעזאלוציעס :

Dyrekcja Gimnazjum i Liceum
Humanistycznego oraz Szkoły Powszechnej
Dra FILIPA AXERA
w Częstochowie, ul. Focha № 24
zawiadamia, że egzaminy wstępne powakacyjne rozpoczną się w środę, dnia 1-go września 1937 r. o godz. 9-ej rano.
Zgłoszenia przyjmuje się codziennie od 10 rano do 1 po poł.

די פריוו. העברעאישע פאושעבנע שולע
פון יחיאל גרילאק ב. יאסעלעוויטשא 9.
מאכט בעקאנט, אז די עקזאמענס אויפ'ן נייעם שול - יאהר קומען פאר פון 12–2 נאכמ. אין לאקאל פון דער שולע.
גלייכצייטיג ווערט בעקאנט געמאכט, דאס די שולע איז פערזארגט מיט די בעסטע רוטינירטע לעהרער אין למודי-קודש און למודי-חול.
די פרייזען זענען מעסיגע.

7 KL. SZKOŁA POWSZECHNA
z prawami państwowymi
Mag. T. WAJNBERŻANKI, I-a Aleja № 8.
די שול-קאנצעלאריע נעמט אן איינשרייבונגען פון נייע שילער אין אלע קלאסען יעדען טאג פון 8 ביז 12 פארמיטאג.
די שול-לייטונג בעט ווי אמפריהסטען צו פערשרייבען די קינדער, אום צו קאנען פיהרען דעם שול-פראגראם פון 1 ווזשעשען אן. ווי בעוואוסט איז דאס די איינאונאיינציגע רעליגיעזע מוסטער-שולע מיט אלע רעגירונגס-רעכט אויפ'ן היגען פלאץ.
אין דער שולע איז אויך פערהאן א נאכמיטאג-קורס פון העברעאיש, תנ"ך, יודישע היסטאריע פאר שילער פון אנדערע שולען.

ערפאלגרייכע אינטערווענץ ביים סטאראסטא וועגען די העצערישע לידלעך פון די „א.ב.צ."-פערקויפער.

ווי בעוואוסט האט די יודענפרעסערישע צייטונג „א. ב. צ." ארגאניזירט אין א רייהע שטעדט ספעציעלע צייטונגס פערקויפער, וועלכע רעקלאמירען די דערמאנטע צייטונג דורך אויסשרייען פערשידענע אנטיסעמיטישע לידלעך. דאס זעלבע קומט אויך פאר ביי אונז אין שטאדט, וואו די אייגענארטיגע „יודישע רעקלאמע" האט זיך די לעצטע טעג אונגעהויער פערשטארקט. אזוי געהען ארום עטליכע „א.ב.צ."-פערקויפער איבער אלע גאסען און זינגען אויס אין גראמען, ווי: „דער יוד טרינקט דיין בלוט און לעבט פון דיין נויט", „נעהם א סענקאטע שטעקען און טרייב ארויס דעם העסליכען יוד", „קויפען ביי א יוד איז א פערראט, ביים קויפען בעגנב'עט דיך דער יוד" א.ד.גל.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט פרעזעס אדוו. קאנארסקי פון דער קהלה און פרעזעס שטילער – פון סוחרים-פעראיין אינטערווענירט ביים היגען סטאראסטא ראזמארינאווסקי, מיט וועמען זיי האבען אדורכגערעדט דעם גאנצען ענין. די דעלעגאציע האט אנגעוויזען, אז די דאזיגע אונצרהערטע און אונערלויבטע ארויסטריטען פון די „א. ב. צ." - פערקויפער בעליידיגען די געפיהלען פון דער יודישער בעפעלקערונג און שאפען א נישט-געוואונשענע שטימונג אין דער שטאדט; דערביי אויך ערלויבען זיך די זעלבע צייטונגס-פערקויפער אוועקצושטעלען פאר יודישע געוועלבער, וועלכע זיי פיקעטירען אויף אזא מין אופן, נישט ארייננלאזענדיג אהין קיין קריסטליכע קונים.

דער סטאראסטא האט אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צו די אויספיהרונגען פון דער דעלעגאציע און צוגעזאגט תיכף ארויסצוגעבען די געהעריגע פעראָרדנונגען, אז די דאזיגע אגיטאציע זאל זיך מעהר נישט ווידערהאלען.

נדבות פאר דער געז. „תומכי-עניים"

אדוואקאט ה' פ. האפטקא צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטארבענע מוטער 20 קילא ברויט.

ה' יצחק אופנער צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטארבענעם פאטער 10 קילא ברויט.

ה' מאיר פייגע צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטארבענעם פאטער 5 קילא ברויט.

ה' מנחם ליבערמאן צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטארבענעם פאטער 5 קילא ברויט.

ה' משה גליקסמאן א נדר אין „בית יעקב" 5 קילא ברויט.

סניף בעלי מלאכה דתים.

שבת פ' תבא (28.8) כ"י אלול 4 נאכמיטאג פונקטליך קומט פאר דער המשך פון די אויפקלערונגס-און ווערבירונגס-רעפעראטען. עס וועלען רעפערירען דער חשובער יו"ר פון מזרחי יוסף שמעון קאבלינץ, אליעזר קאנספנס און אנדערע א. ד. ט.: „דער יעצטיגער מצב אין ארץ ישראל און די אויפגאבען פון יודישען בעל מלאכה".

חברים און סימפאטיקער ווערען געבעטען אומבעדינגט צו זיין אנוועזענד.

פון „הפועל".

דער יודישער ארב. ספארט-קלוב „הפועל" פיהרט לעצטענס אנ'אינטענסיווע טעטיגקייט אויף אלע געביטען פון ספארט. טרענינגען קומען פאר רעגולער צוויי מאל וועכענטליך אויפ'ן שטאדטישען ספארט-פלאץ אויף זאוואדזיע.

א ספעציעלע אקטיוויטעט ווייזט ארויס די סעקציע פון ספארט-שפילען.

מארגען, שבת, 4 א זייגער נאכמ. אויפ'ן ספארט-פלאץ ביי דער פאבריק „ווארטא" קומט פאר א נעץ-און קארב-באל-מעטש צווישען „הפועל" און ס. ק. „ווארטא".

ZARZĄD i KIEROWNICTWO

Szkoły Zawodowej Dokształcającej Żeńskiej dla Terminatorek

Związku Rzem.-Żydów w Częstochowie

podaje do wiadomości, iż zapisy terminatorek na nowy rok szk 1937—38 odbędą się w terminie od 22 sierpnia b. r. w kancelarii szkoły przy ul. Przemysłowej 10 codziennie od 17—19. Przy zapisie należy przedłożyc świadectwo szkoły powszechnej i metrykę urodzenia.

יודישע לעטניקעס ווערען בעפאַלען אונטער טשענסטאָכאָוו.

מען גיט אונז איבער וועגען עטליכע פאַלען ווען יודען, וועלכע זענען מיטגעפאָהרען מיט די זאַכען, וועלכע זיי האבען צוריקגעפיהרט אהער פון דער זומער-וואוינונג אין בלאַכאָווניע, זענען אונטער טשענסטאָכאָוו בעוואָרפען געווארען מיט שטיינער דורך קריסטליכע כוליגאַנעס. מעהרסטענס קומען די דאָזיגע אנפאַלען פאָר נעבען דאָרף ווירזשבאַ, צווישען גנאַשין און טשענסטאָכאָוו.

די יודישע לעטניקעס דאַרפען דערפון וויסען, כדי אויסצומיידען די דאָזיגע סכנה.

כוליגאַנעס צושטעכען א יונגענמאַן אין בלאַכאָווניע.

פערגאַנגענעם שבת פאַרנאַכט, בעת דער היגער איינוואוינער הירשל בערקאָוויטש (וואַרשאַווער 40) האט שפאַצירט מיט זיין פרוי נעבען רייכער'ס ווילע אין בלאכאָווניע, וואו זיי פאַרברענגען אויף זומער-וואוינונג, זענען זיי פלוצים בעפאַלען געווארען דורך עטליכע שיכור'ע כוליגאַנעס, וועלכע האבען בערקאָוויטש'ן צושטאָכען מיט מעסער'ס. א דאָרט אנוועזענדער דאָקטאָר האט דעם שווער-פערוואונדעטען ערטיילט די ערשטע הילף און דאַן איז בערקאָוויטש אין אַן'אויטאָ איבערגעפיהרט געווארען אין דער לעטשניצע אין טשענסטאכאוו, וואו ער פערבלייבט נאָך אויף קוראַציע.

אויפ'ן אָרט איז באַלד אָנגעקומען פאָליציי, וועלכע האט אונטערגענומען אַן'אויספאָרשונג און די כוליגאַנעס פערהאלטען.

נאָך א פראָצעס וועגען די אנטי-יודישע ארויסטרעטונגען.

דאס קרייז-געריכט האט עהערנעכטען בעטראכט א פראָצעס, פון וועלכען די אנגעקלאָגטע זענען געוועזען די ענדעקעס, מיטגלידער פון „סטראַנניצטוואָ נאַראָדאָווע" אלעקסאנדער מאַקאָווסקי, סטאניסלאַוו קאַזאַ, עאוועביוש לייטנער און מאַריאַן אַלבינסקי. זיי זענען אנגעקלאָגט געווארען, אַז דעם 19 יוני ה.י. האבען זיי גענומען אַן'אַקטיוון אנטייל אינ'ם עפענטליכען צוזאַמענגעלויף, וועלכעס איז מיט געמיינזאַמע כחות פון די אנטיילנעמער בעגאנגען געוואַלדטהאַטען לגבי דער יודישער בעפעלקערונג, אויסהאקענדיג שויבען אין די יודישע וואוינונגען און געוועלבער און דעמאָלירט די שוי-פענסטער, ארויסוואַרפענדיג אין גאס אריין און פערניכטענדיג די סחורה.

דעם פראָצעס האט בעטראכט ריכטער טערפילאָווסקי, אנקלאָגער — פראָקוראָר וואַיטשעכאָווסקי, דעם פראָטאָקאָל האט געפיהרט געריכטס-אַפליקאַנט יאַקובאָוויטש. די אנגעקלאגטע ענדעקעס האט פערטיידיגט אַפּל. אדוו. קאַלאַקאָווסקי. מצד דער געליטענער פירמע זשאַנשינסקי, וועלכע האט געמאַהנט ביי לייטנער'ן א תביעה פון 800 זלאָטעס איז ארויסגעטרעטען אדוו. היעראַנים קאַן.

די געריכטס פערהאנדלונג האט ווידער אויפגעוועקט די שטורמישע יוני טעג, ווען אויף די היגע גאַסען האבען זיך אָבגעשפילט כוליאַריגע כאַפּנקס פון ראַבירען שווער אַנגעהאַרעוועט יודיש האָב און גוטס און מ'האט געשלאָגען רוהיגע יודישע דורכגעהער.

די געריכטס פערהאנדלונג האט נישט ארויסגעבראַכט קיין גענוגענדע בעווייזען פון דער שולד פון אלע 4 אַנגעקלאָגטע. איינער פון די עדות האט זאָגאַר ערקלערט, אז ער האט געזעהען ווי דער אנגעקלאָגטער לייטנער, האט שטעהענדיג אויף די שטיגען פון קינאָ „סטילאָווי" ארויסגעגעבען אינסטרוקציעס וועגען דעמאָלירען די געוועלבער אין דער צווייטער אַלעע. דאס געריכט האט אָבער — ווי עס ווייזט זיך ארויס פונ'ם ארויסגעטראָגענעם אורטייל — נישט געגלויבט דעם עדות.

דעם אַנגעקלאָגטען אַלבינאָווסקי, וועלכער איז עטליכע טעג נאָך די פּאַסירונגען אלס אנטיילנעמער אין די געשעהענישען פערהאלטען געווארען אויף דער גאַס דורכ'ן פאָליציי-פּוש אָווניק וועסאַלאָווסקי האט אָבגעוועטעט די ערקלערונג פון דעמזעלבען וועסאַלאָווסקי, אז ער קען נישט קאַטעגאָריש בעשטעטיגען דאס אַלבינאָווסקי איז דער זעלבער, וואס איז דעם קריטישען שבת פערשוואונדען בנת'ן אָנפיהרען אין קאָמיסאַריאַט אריין. דאנעגען האט די געריכטס פערהאנדלונג שטאַרק בעלאַסטעט דעם אַנגעקלאָגטען מאַקאָווסקי, אַנ'איינוואוינער פון שטאָדטישען נאַכטלעגער הויז און סטאַניסלאַוו קאַזאַ.

נאָכ'ן אויסהערען די רעדעס פון די צדדים האט דאס געריכט ארויסגעטראָגען דעם אורטייל, לויט וועלכען מאַקאָווסקי ווערט פער'משפט אויף 6 חדשים תפיסה מיט אָבלעגען דאס אויספיהרען די שטראָף אויף 3 יאהר און קאַזאַ — אויף 6 חדשים אָהן אָבלעגען. די איבריגע אַנגעקלאגטע זענען געוואָרען פרייגעשפראָכען. די ציוויל תביעה פון ה' זשאַנשינסקי איז געוואָרען אָבגעוואָרפען און זי איז דעריבער נישט געווארען גענומען אין בעטראַכט.

נישט צוגעלאָזט קיין יודען צום קעמפנער יריד.

אין קעמפנאָ האבען די דאָרטיגע נאַראָווצעס נישט געלאָזט די אַנגעפאַהרענע יודישע הענדלער אויפשטעלען זייערע סטראַגאַנעס אויפ'ן דינסטאָג'דיגען יריד.

„פאַר יודען איז נישטאָ קיין פּלאַץ!" — האבען זיי געשריגען — און די יודען האבען זיך געמוזט צוריקקעהרען נישט אויספאַקענדיג אפילו די סחורה.

צו פערדינגען

אָ פרויען-פלאַץ און אַ מענער-פלאַץ אין דער שטאָדט-שוהל

ערקונדיגען אין רעדאַקציע, אלעע 6.

וואונש-קאַרטען

אין אַ גרויסען אויסוואַהל מיט די נייעסטע שריפטען און צו די ביליגסטע פרייזען בעקומט מען אין דרוקעריי פון

ב. באָטשאַן

אַלעע 6, טעלעפאָן 22-01

זייט צעהנדלינגער יאהרען ארבייט אויס די פירמע שיכט-לעווער דאס שפייז פעטס „צערעס", וועלכער האט זיך ערוואָרבען גרויסע אנערקענונג צווישען די בעלי-הבית'טעס א דאַנק זיינע פיעל מעלות, ספעציעל ווערט דאס דאָזיגע שפייז-פעטס געשעצט אין די יודישע הייזער, ווייל עס קען גענוצט ווערען סיי צו מילכיגע און סיי צו פליישיגע מאכלים.

היות ער פּאַסירט, אז אַנדערע שפּייז פעטסען ווערען פערקויפט אלס צערעס, דאַרף מען ביים קויפען פערלאַנגען אויסדריקליך צערעס, וואס ווערט פערקויפט אויסשליסליך אין אָריגינעלער פאַקונג. דאס שפייז פעטס צערעס ווערט אויסגעארבייט אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון הרב שמחה פרענקעל.

פרעזעס ראָזענבערג אָבגעפאָהרען נאָך אויסלאַנד.

דער פרעזעס פון דער קהלה-פערוואַלטונג ה' יעקב ראָזענבערג איז אָבגעפאָהרען אויף עטליכע וואָכען נאָך אויסלאַנד. פרעזעס ראָזענבערג וועט אנוועזענד זיין אויפ'ן וועלט צוזאַמענפאָהר פון „אָזע" (אין פוילען הייסט דער צווייג פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע „טאָז"), וואס קומט פאָר אין די נאָהנטסטע טעג אין פּאַריז, ווי אויך אויפ'ן אַלוועלטליכען יודישען קולטור-צוזאַמענפאָהר, וועלכער הויבט זיך אָן דעם קומענדיגען חודש אויך אין פּאַריז.

אויפ'ן צוזאַמענפאָהר פון „אָזע" (טאָז) אין פּאַריז איז אויך ארויסגעפאָהרען דער לייטער פון היגען „טאָז" ה' יעקב ראָזינער.

יצחק מענדל לעווקאָוויטש ז"ל

אין עלטער פון 59 יאהר איז די וואָך צו קבורה געקומען ר' יצחק מענדל לעווקאָוויטש ז"ל.

דער נפטר, א געבוירענער אין טשענסטאָכאָוו פון א בעל בתישער אנשטענדיגער פאמיליע, האט זיך אויסגעצייכענט מיט פיעל גוטע מדות און איידעלע מעשים.

דער נפטר האט זיין פרייע צייט עוסק געוועזען אין לערנען און זיך בעמיהט שטענדיג צו קויפען יקר המציאות'ן פון די גרעסטע יודישע געלערטע.

די לעצטע יאָהרען האט ער געליטען אויף א שווערער האַלז-קראַנקהייט, וועלכע האט דערפיהרט צו דער קאטאסטראָפע. ת.נ.צ.ב.ה.

אַ מעבלירט צימער

אויף בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ 9 מיט אַ בעזונדערן איינגאַנג

שוין צו פערדינגען.

ערקונדיגען אין רעדאַקציע.

בעקאַנטמאַכונג

די שותפים אַבעומאַן און בוכוואַלטער וועלען קורסירען מיט שטאָדטישע אויטאָבוסען אויפ'ן בית-עולם זונטאָג פון 7 אַ זייגער פריה.

ענטשולדיגונג.

דערמיט בעט איך ענטשולדיגונג ביי מיין הויזווירט ה' מיכאל בראַטמאַן און פרוי נייער מארק 12, פאַר דער אונאַנגענעהמליכקייט, וואס איך האָב זיי פערשאַפט.

מיט אכטונג מענדל ראָטשילד.

KINO „EDEN"

דער גענישלער מייסטער

Borys Karloff

אינ'ם מעכטיגען דראמא פון אונגעוועהנליכע איבערלעבונגען

Postrach Opery

Kino „LUNA"

מעכטיגער פילם, פולשטענדיג אויסגעפיהרט אין נאַטורעלע קאָלירען!

LORETTA YOUNG
DON AMECHE

אינ'ם פילם

RAMONA

אנהויב טעגליך 5.30 נאכמ., שבת 3 נ"מ

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

הערליכער פוילישער פילם! טרעהרען, געלעכטער, פרייד! ליבע! — אָפּפערוויליגקייט!

Gwiaździsta eskadra

עמאָציע! — סענסאַציע!

אין דער הויפט-ראָל:

באַשקאַ אָרוויד און יעזשי קאָבוש

איבער'ן פראָגראַם: קלאַנג-צוגאַבען

צערעס

מאגען פערטראגט עס!

אזוי ווי „צערעס" ווערט צושמאלצען ביי א קליינער טעמפעראטור, זענען די שפייזען, צו וועלכע ער ווערט בענוצט לייכט פערדייליך. עס איז קיין וואונדער נישט, וואס „צערעס" ווערט ספעציעל גענוצט פאר קינדער און קראנקע.

דאס 100%-גע קאקאס-פעטס „צערעס" ווערט אויסגעארבייט אונטער דער שטרענגער השגחה פון הרב ר' שמחה פרענקעל פון סקאווינא. עס קען דעריבער אן שום חשש בענוצט ווערען צו אלערליי כשר'ע שפייזען.

כשר

Ceres

איז נאַרהאַפט נאַטירליך-ריין געזונד

ענטהאלט 100% פעטס

Pensjonat F. Mrówkowej

w Kamińsku Willa „Rozalja"

czynny będzie w nadchodzące święta.

Zgłoszenia przyjmuje się do piątku, dnia 3-go września r. b.

Włodzimierzów k. Piotrkowa

Pensjonat Praszkiera Willa „Bohdanka"

będzie otwarty w nadchodzące święta.

Poleca piękne. słoneczne pokoje i wykwintną kuchnię, ściśle rytualną. Informacje telef. 10-78.

Erdal

pasta do obuwia

stale używana czyni obuwie trwalszym.

Jej tajemnica: użyć jak najmniej pasty Erdal, ale polerować miękkim suknem, aż do lśniącego połysku.

פיעל גליק און נחת אונזערע פריינד **מאַקס נירענבערג** און פרוי צו דער חתונה פון זייער געליבטע **טאָכטער** דעם יונגען פּאָר—א הערליכע צוקונפט.

מרדכי בעסערגליק און **פאַמיליע.**

Szkoła koedukacyjna i przedszkole im. Zofji Wajnsztokówny

w Częstochowie, Aleje 20. telef. 10-78.

przyjmuje zapisy do wszystkich klas oraz do PRZEDSZKOLA (dzieci od lat 3). Kancelaria czynna codziennie od 10—12 i 4—5.

DLA NIEZAMOŻNYCH — ULGI W OPŁACIE.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה. אַכטונג מענער און פרויען!

ווי בעוואוסט שוין פון אַ לאַנגע רייהע יאהרען, וועט אויך היי-יאהר ימים נוראים ווערען געדאַווענט מיט ערשטקלאַסיגע בעלי-תפלות אין די גרויסע בעקוועמע ליכטיגע און פריש-רעמאָנטירטע צימערען אין לאָקאַל פון

„מזרחי", אלעע 10, 2-ער שטאָק.

פערשפעטיגט נישט זיך צו פערזעהען מיט בילעטען, ווייל די צייט איז קורץ און ס'איז דאָ אַ בעגרעניצטע צאָהל פלעצער וכל הקודם זוכה.

בעמערקונג: בילעטען צו צוגענגליכע פרייזען איז שוין צו בעקומען אין אייגענעם סעקרעטאַריאַט יעדען טאָג פון 7.30—10.30 אָווענד, אין געגענפאַל וועלען מיר קיין חזקות נישט אנערקענען.

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט, דאס מיר רופען אָב דעם אַנאָנס פון דער פּויריגער וואָך וועגען פערדינגען פלעצער פאַר פרויען אין מנין פון דער ישיבה „כתר תורה" אויף די ימים נוראים. עס ווערען מעהר נישט פערדינגען קיין פלעצער אין דער כתר תורה.

די ישיבה „כתר תורה"

Ekonomia — to używanie mydła

z marką fabryczną „Savon z wiewiórką"

(zatw. przez Urząd Patent.)

o zawartości tłuszczu 63—66 proc.

z najstarszej częstoch. fabryki mydła

KROMOŁOWSKICH

Częstochowa, Nadrzeczna 4. Tel. 15-13

ŻĄDAĆ WSZĘDZIE

TANI MIESIĄC PRZERÓBEK!

Pierwszorzędna pracownia kuśnierska

przyjmuje wszelką robotę w zakresie kuśnierstwa

Pierwszorzędne solidne wykonanie. — Ceny bardzo przystępne

M. OBERMAN, Panny Marji 1.

Druk. B. Boczan, Aleja 6 — Redaktor i wydawca: B. Boczan